שנה ט"ו | גליון קע"ה | חודש אדר א' תשפ"ד לפ"ק

# בקודש חזיתיך

נייעס, באריכטן, אנטוויקלונגען, און היסטאריע פון
**מוסדות יטב לב דרבינו יואל באה"ק**
לצדקת רבי מאיר בעל הנס



**נייע סעריע:**

## התייסדות פון סאטמארער מיידל שולע אין ירושלים עיה"ק

היסטארישע קאפיטלן מאוצר הזכרונות פון הרה"ג **רבי יצחק שטערן** ז"ל מותיקי אנ"ש בירושלים עיה"ק ולאחריו בניו יארק

זייט 10

**נייע קאלום:**

## ר' מאיר ענטפערט

פראגעס און ענטפערס איבער אקטועלע נושאים דורכגעשמועסט צווישן אונזערע חשוב'ע תומכים און ליינער

זייט 8

# מוסיפין על הקודש

די חשוב'ע לייענער זענען מוסיף אויף די ארטיקלען אין בקודש חזיתיך

## זכרונות פונעם פארהער ביים בית דין

לכבוד די חשוב'ע רעדאקציע פון בקודש חזיתיך הע"י.

ראשית דבר וויל איך זיך באדאנקען פארן ווידמען ארטיקלען אין אייער רייכע גליון, אין אנדענק פון אאמו"ר הרה"ח ר' אורי שווארץ ז"ל הכ"מ. עס איז אונז באמת א כבוד, אז די הייליגע מוסדות יטב לב געדענקט אים, און ברענגט אויף זיינע פילע מעשים טובים.

באזונדער איז עס גאר פאסיג, אין ליכט וואס מיין טאטע ז"ל הכ"מ איז געווען בכל נימי נפשו צוגעבינדן די הייליגע מוסדות, סיי ווען ער האט געוואוינט דארט, און געדינט אלס מנהל התלמוד תורה, ווי באריכטעט, און סיי ווען ער איז שוין געווען אוועקגעפארן, איז פארט געווען עינו ולבו שם כל הימים.

זאלן די שורות אויך דינען אלס דאנק אויסדרוק פאר ידידינו היקר הרה"ג רבי יקותיאל יצחק בראך שליט"א אב"ד נאנאש, וועלכער האט געווידמעט פון זיין טייערע צייט צו מיטטיילן פון זיין רייכן אוצר זכרונות איבער די געשטאלט פון מיין פאטער ז"ל הכ"מ. מיר האבן געשלונגען מיט דורשט יעדעס ווארט, אט אזוי ווי די פילע אנדערע טויזנטער לייענער, וועלכע האבן שטארק אנגעקוואלן דערפון.

רבי יקותיאל יצחק שליט"א האט דערמאנט דעם אייניפיר אין די תלמוד תורה, וואס מיין טאטע ז"ל הכ"מ האט איינגעשטעלט אין די עלטסטע כתה, צו לערנען און חזר'ן א גאנצע מסכתא, און דערנאך זיך שטעלן צום פארהער ביים בית דין הגדול שבירושלים, וויל איך דא פארציילן אן אינטערעסאנטע עובדא וואס איך האב בייגעוואוינט ביי אזא פארהער:

אין יאר תשד"מ לפ"ק האב איך געלערנט אין די עלטסטע כתה פון די תלמוד תורה, ביי מורי ורבי הרה"ג רבי שלמה זלמן וויינבערגער שליט"א, היינט ר"מ בישיבת ייטב פנים שע"י מוסדותינו הק' קרית יואל. מיר האבן במשך פון יאר אדורכגעלערנט גאנץ מסכת סוכה גמרא תוס', און עס גע'חזר'ט אויף אויסנווייניג, ווען מיר גרייטן זיך צום גרויסן פארהער ביים בית דין הגדול שבירושלים.

בימים ההם זענען געווען די שרי התורה חברי הבי"ד: דער גאון און פוסק הדור בעל מנחת יצחק זצ"ל גאב"ד ירושלים, הגה"ק הרמ"א פריינד זצ"ל דעמאלט ראש בית דין, הגאון רבי ישראל משה דושינסקיא זצ"ל דעמאלט סגן ראב"ד, הגאון רבי ישראל יעקב פישער זצ"ל בעל שו"ת אבן ישראל, הגאון רבי בנימין ראבינאוויטש זצ"ל, און

מיר זענען געפארן זיך שטעלן צום פארהער, אין חודש תשרי שנת תשמ"ה לפ"ק, עס איז געווען אדער בין כסה לעשור, אדער צווישן יום כיפור און סוכות. מיר זענען אנגעקומען צום לשכת הבית דין, איך געדענק נישט פונקטליך צי ס'איז געווען די גאנצע בית דין, אדער נאר טייל פון זיי, אבער די דריי זענען זיכער געווען: דער מנחת יצחק, הגה"ק רבי משה ארי', און הגה"צ רבי ישראל משה דושינסקיא, און מיט זיי זענען געווען נאך.

(אדרבה, אויב איז דא איימיצער פון די חשוב'ע לייענער וואס געדענקט, זאל ער ביטע מיטטיילן זיינע זכרונות.)

האב איך דעמאלט געהאט די זכי' אז דער מנחת יצחק האט מיר געשטעלט אן אינטערעסאנטע פראגע: "וואו געפונען מיר אין מס' סוכה א ראי' אז מ'לייגט תפילין אין חול המועד?"

א לומד'ישע פראגע, וואס איך האב אודאי נישט געוואוסט צו ענטפערן.

דער מנחת יצחק האט געזעהן אז איך שטיי אן קיין לשון, האט ער אליין געענטפערט: "די גמרא זאגט אין דף מ"ו ע"א היו לפניו מצוות הרבה אומר ברוך אשר קדשנו במצוותיו וצונו על המצוות, זאגט רש"י וואס מיינט מצוות הרבה, ליטול לולב לישב בסוכה להניח תפילין להתעטף בציצית, איצט וויאזוי קען זיין א מציאות מ'זאל שאקלען לולב און זיצן אין די סוכה, און אויך לייגן תפילין און אנטון ציצית, אלא מאי מוז זיך עס רעדן אום חול המועד, זעהט מען פון רש"י אז חול המועד לייגט מען תפילין..."

א שטארקע ראי' אז מ'דארף לייגן תפילין חול המועד. אבער דער מנחת יצחק איז נישט געבליבן ביי דעם, נאר האט ווייטער ממשיך געווען:

"אבער די פוסקים וואס לערנען אז מ'לייגט נישט קיין תפילין חול המועד פארענטפערן די רש"י, אז מ'רעדט פון צוויי מעשה'ס, איינס ליטול לולב לישב בסוכה, וואס רעדט זיך אין סוכות, און די צווייטע להניח תפילין להתעטף בציצית, רעדט זיך א גאנץ יאר." – דאס הייסט אז מצוות הרבה, אסאך מצוות, מיינט בלויז צוויי מצוות, מיעוט רבים שנים. אזוי האט דער מנחת



צו געבן אייער 'הארציגע נדבה' פאר די מוסדות יטב לב אין ארה"ק

אדער מזכיר צו זיין סיי וועלכע בקשה וואס די תשב"ר אין ארה"ק זאלן מתפלל זיין, רופט:

1877.YETEV LEV (938.3853)

בקודש חזיתיך

יצחק דעמאלט מיישב געווען די שיטות הפוסקים.

נאך אן עובדא וואס איז מיר געבליבן אין זכרון, אז אינדרויסן אין פארצימער האט מיין טאטע ז"ל הכ"מ זיך באגעגנט מיט יבלחט"א הרב ר' אברהם מרדכי דאווידאוויטש שליט"א, וועלכער האט דעמאלט געדינט אלס מנהל הת"ת אין מוסדות דושינסקיא אין ירושלים, האט ר' אברהם מרדכי דעמאלט באוואונדערט דעם פאקט, אז מ'שטעלט אהער א כתה בר מצוה בחורים זיך פארהערן גאנץ מס' סוכה ביי בית דין, האט ער געזאגט מיט התפעלות: "דאס וואס סאטמאר קען, קען קיינער נישט..."



פון רעכטס צו לינקס: די חברי הבד"ץ הגאון רבי ישראל יעקב פישער זצ"ל בעל שו"ת אבן ישראל (שפעטער ראב"ד), הגה"ק הרמ"א פריינד זצ"ל ראב"ד (שפעטער גאב"ד), דער גאון און פוסק הדור בעל מנחת יצחק זצ"ל גאב"ד ירושלים, הגאון רבי בנימין ראבינאוויטש זצ"ל

שפעטער איז מיין טאטע ז"ל הכ"מ ארומגעגאנגען צו די חברי הבית דין זיי זאלן אונטערשרייבן אויפן כתב וואס מ'האט דערנאך פארטיילט פאר די תלמידים, אז זיי האבן זיך פארהערט מס' סוכה ביי בית דין.

נאך א מערקווירדיגע עובדא איז מיר געבליבן אין זכרון בנוגע א פארהער אין בני ברק, דאס מאל ביי מרן רביה"ק בעל ברך משה זי"ע, אט ווי פאלגנד:



פון רעכטס צו לינקס: הגאון רבי ישראל משה דושינסקיא זצ"ל סגן ראב"ד (שפעטער גאב"ד), הגאון רבי אברהם דוד הורוויץ זצ"ל גאב"ד שטראסבורג, הגאון פוסה"ד בעל מנחת יצחק זצ"ל גאב"ד ירושלים

אין יאר תשמ"ב לפ"ק איז פארשפרייט געווארן די גוטע בשורה, אז כ"ק מרן רביה"ק בעל ברך משה זי"ע קומט צו פארן קיין ארץ ישראל, באזוכן די הייליגע מוסדות יטב לב. דער פלאן איז געווען אז אום זומער, אין טאג פון ט' תמוז, וועט דער רבי ערשיינען. די עקסטאז איז געווען גרויס ביז גאר, א קלייניקייט, דער רבי קומט צו פארן.

אין הכנה צום רבי'נס אנקום האט מען אויפגעפאדערט די קינדער, מ'זאל חזר'ן די לימודים, ווייל דער רבי גייט פארהערן. כך הוה, די קינדער האבן חדשים פריער שוין אנגעהויבן חזר'ן די לימודים.

אבער דער פלאן איז בטל געווארן, צוליב די אויסברוך פון די לבנון מלחמה, וואס האט פאסירט אום חודש סיון פון יאר תשמ"ב לפ"ק, האט דער רבי דעמאלט אפגעשטופט די נסיעה ביז דער מצב וועט זיך בארויגן.

א יאר שפעטער, שנת תשמ"ג לפ"ק, איז דער פלאן באנייט געווארן, אז דער רבי וועט קומען צו פארן אום כ"ו סיון. ווידעראמאל האבן קינדער גע'חזר'ט די לימודים, כדי צו זיין גרייט פארן פארהער.

דער רבי איז טאקע אנגעקומען אום כ"ו סיון, די שמחה וואס האט דאן געהערשט איז געווען געוואלדיג גרויס. עס איז דאן געווען דאס ערשטע מאל וואס ער איז געקומען קיין ארץ ישראל, זינט איבערנעמען דעם כתר ההנהגה, און מ'האט אים אנטפאנגען אויף גאר א מלכות'דיגן אופן.

דער רבי איז דאן צו ערשט געפארן קיין ירושלים, וואו עס איז פארגעקומען א גרויסארטיגע קבלת פנים, מיטן באטייליגונג פונעם בית דין הגדול שבירושלים, אין שפיץ פון הגאון בעל מנחת יצחק זצ"ל גאב"ד ירושלים. צענדליגער טויזנטער אידן זענען ארויסגעקומען אויף די גאסן לכבודה של תורה.

באזונדער האבן זיך אנגעזעהן פילע תלמידים פון מוסדות על טהרת הקודש, וואס זענען אנגעשלאסן אין קרן הצלה, און זענען געווען אויסגע'שורה'ט אויף די ירושלימ'ער גאסן, מיט אן אנזעהבארע שילד ביי יעדע מוסד, מ'זאל וויסן ווער עס איז.

מיין טאטע ז"ל הכ"מ האט דאן מסדר געווען אז די סאטמארער קהילה אין בני ברק, און די תלמידי התלמוד תורה, זאלן פראווען א פריוואטע קבלת פנים אויפן לופט-פעלד, באלד נאכדעם וואס דער רבי וועט אראפקומען פון פליגער.

כך הוה, דער עולם איז געווען אויסגע'שורה'ט אין צווי זייטן, און דער רבי איז אדורכגעפארן מיט די קאר ביז צום אויבנאן, וואס איז געווארן צוגעגרייט אויף א פרייע באדן פונעם לופט-פעלד.

ווען דעם רבי'נס קאר איז ערשינען האט דער עולם ספאנטאן אויסגעבראכן אין א געזאנג: ברוך הבא... – אנקומענדיג צום אויבנאן איז דער רבי ארויסגעקומען פון קאר, און זיך אוועקגעזעצט אין שפיץ פונעם ציבור. דאן זענען פארגעקומען קורצע דרשות צו באגריסן דעם רבי'ן.

פארזעצונג אויף זייט 9


בקודש חזיתיך
צו געבן אייער 'הארציגע נדבה'
פאר די מוסדות יטב לב אין ארה"ק
אדער מזכיר צו זיין סיי וועלכע בקשה וואס די תשב"ר אין ארה"ק זאלן מתפלל זיין, רופט:
1877.YETEV LEV (938.3853)

# נגידי אנ"ש ווערן פערזענליכע שותפים מיט כ"ק מרן רבינו שליט"א אינעם נייעם "קרן לב אהרן" שע"י מוסדות יטב לב באר"הק

אנשי שלומינו האבן מיט גרויס פרייד און אינטערעסע אויפגענומען די נייעס איבער די היסטאָרישע אַנטוויקלונג אַז נגידי קהילתינו הק' ווערן פערזענליכע שותפים מיט כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א אינעם נייעם "קרן לב אהרן" שע"י מוסדות יטב לב, וואָס דער רבי שליט"א האָט מייסד געווען אין די לעצטערע וואָכן.

## יטב לב; דאָס הייליגסטע און טייערסטע!

"יטב לב" דאָס ערשטע און הייליגסטע ביי אונזערע רבי'ס! מיט דעם זענען סאַטמאַרער חסידים אויפגעוואַקסן אַלע יאָרן, דאָס איז געווען ביי מרנן רבותינו הקדושים זי"ע די סאַמע שפּיץ, דאס הייליגסטע און טייערסטע, דער שענסטע שטיינדל אינעם קרוין פון אַלע קהלות און מוסדות התורה פון די סאַטמאַרער אימפעריע איבער די גאָרער וועלט.

די הייליגע מוסדות אין ארה"ק איז שטענדיג געווען די פאָן-טרעגער פון מלחמה לה' בעמלק פאר די גאַנצע יהדות החרדית אין אַלע אַנדערע מוסדות על טהרת הקודש ברחבי ארה"ק, און טראָצדעם וואָס יעדע ערליכע מוסדות אין ארץ ישראל האָט גענאָסן די ברייטע וואַרימע שטיצע פון רבוה"ק זי"ע, האָט אָבער יטב לב גענאָסן אַ באַזונדער חשיבות און טייערקייט, זייענדיג אין א בחינה פון ואת עלית על כולנה.

## על ל"ב אהר"ן; דאָס האַרץ פון רבינו שליט"א!

די הייליגע ירושה פון מוסדות יטב לב ווערט נמשך בגאון ובעוז דורך ממלא מקומם בקודש כ"ק מרן רבינו שליט"א, וואָס טראָצדעם וואָס דער רבי שליט"א איז דער נשיא הקודש ועומד בראש פון אַלע קהלות און מוסדות פון אנשי שלומינו איבער די גאָרער וועלט, פאַרמאָגט מוסדות יטב לב אין ארץ ישראל אַ באַזונדערע חיבה יתירה ביים רבי'ן שליט"א וואָס איז ברייט באַקאַנט ביי יעדע סאַטמאַרער חסיד, ווי דער רבי שליט"א זאָגט שטענדיג אַז אַלע מוסדות זענען קודש אָבער מוסדות יטב לב איז קודש קדשים.

צו פאַרשטיין די יעצטיגע אַנטוויקלונג מיט'ן התייסדות פונעם קרן לב אהרן איז כדאי צו כאַפּן אַ בליק אינעם סיסטעם ווי אַזוי די ריזן אימפעריע פון מוסדות יטב לב אין ארה"ק ווערט פינאַנצירט.

פאר סאַטמאַרער חסידים איז איבריג צו זאָגן אַז די מוסדות יטב לב וועלכע איז פאָן טרעגער פאר טהרת הקודש איז אַוועקגעשטעלט בלויז אויף די פינאַנציעלע באַזיס פון ווארימע ריינע נדבות פון אנשי שלומינו, אָן קיין שום הכנסה פון די ממשלת הכופרים, וואָס דאָס באַדייט אַז יעדע איינציגסטע דאָלאַר וואָס די מוסדות קאָסטן דארף געשאַפן ווערן ביים ציבור אנשי שלומינו מוקירי חינוך הטהור.

## די חלק הארי פונעם אַמעריקאַנער יטב לב אָפּיס

פאר דעם צוועק האָט מרן רביה"ק זי"ע אויפגעשטעלט דער 'אמעריקאנער אפיס' פון "מוסדות יטב לב", וועלכע איז אוועקגעשטעלט געווארן ארויסצוהעלפן די הנהלת המוסדות אין ארץ ישראל, בשעת זיי מוטשענען זיך גאר שטארק צו קענען דעקן דעם חודש'ליכן בודזשעט, אין צייט וואס זיי קענען ווי פארשטענדליך נישט נהנה זיין קיין פרוטה אחת פון קיין שום רעגירונגס פאנדן משלחן איזבל, און זייער גאנצע הכנסה איז נאר פון ריינע אידישע געלטער, די שכר לימוד צאלונגען פון די הורי המוסדות, און נדבות פון ערליכע ברידער אחים לדעה, וועלכע שפירן פאר א זכי' ארויסצוהעלפן די הייליגע מוסדות על טהרת הקודש אין ארץ הקודש.

און עס דאַרף טאַקע ווערן אַרויסגעהויבן לשבח די עבודת הקודש דורך די חשוב'ע עסקנים וגבאי קודש, וועלכע יום ולילה לא ישבותו, צו שאפן די ריזיגע אסטראנאמישע סכומים מדי חודש בחודשו, וועלכע טוען כל מה שביכלתם צו קענען שיקן ריזיגע סכומים פאר די מוסדות אין ארץ ישראל, און זיי טוען פאקטיש יאר נאך יאר הייבן די סכומים וואס מען שיקט קיין ארץ ישראל מיט א באדייטנדע הוספה, כאטש כמובן טוט דאס ווייט נישט אנקומען גרינג, און מען ארבעט כסדר צו זען וואס מען קען צוהעלפן פאר די הנהלת המוסדות אין ארץ ישראל.

## פראַיעקט געווידמעט צו דעקן דעם פולן דעפיציט פון די סאטמארער מוסדות אין ארה"ק נאך די חודש'ליכע תמיכות פון מוסדות יטב לב

### די חלק פונעם בודזשעט דורך די ארץ ישראל'דיגע הנהלה

אָבער אין די זעלבע צייט האט דער מייסד המוסדות מרן רבינו זי"ע אראפגעשטעלט א שטארקן יסוד אז די הנהלת המוסדות פון ארץ ישראל זאלן אויך פרובירן מצידם צו שאפן וויפיל הכנסות זיי קענען פון דעם ציבור דארט אין ארץ ישראל, און אזוי איז טאקע געווארן אוועקגעשטעלט אין ארץ ישראל געוויסע הכנסות פון שכר לימוד, דינער נדבות, און נאָך זייטיגע הכנסות, וואָס פון דעם האָט זיך געדאַרפט דעקן די איבריגע חלק פונעם בודזשעט וועלכע ווערט נישט געשיקט דורכ'ן אַמעריקאַנעם אָפיס.

### גראַנדיעזע פעולות צו דעקן די געשאַפענע 'לעכער'

דער מציאות איז אָבער געווען אַז דאס איז ווייט פון געגוג, און עס איז כסדר געבליבן אַ דעפיציט, וואָס איז נישט געווארן געדעקט, און יעדע שטיק צייט פלעגט מען זיך נאכאמאל דערזען אין א שווערן מצב, אבער ווי לאנג די רעדע איז נישט געווען פון אזעלכע גרויסע סכומים, האט מען בחסדי ה' אלעמאל געטראפן דעם וועג ארויס, בעיקר אין די לעצטערע יארן ווען דער געטרייער מראשי הקהילה והמוסדות פון קרית יואל הרבני הנגיד ר' מאיר הירש הי"ו האט זיך ארייגעווארפן מיט מסירת נפש פאר די ימים טובים פון פסח און סוכות, צו שאפן געלט אז מ'זאל קענען דעקן די דעפיציטן און אויסצאלן פאר די איינגעשטעלטע אויף יו"ט. און טראָץ זיינע פילע אייגענע טירדות בהנהגת המוסדות והעיר אין קרית יואל האט ער אוועקגעגעבן שעות ארוכות און כוחות עצומות, צוזאמצושטעלן ריזיגע סכומים פאר מוסדות יטב לב, אך ורק מיט די מטרה אז די חשוב'ע כלי קודש זאלן קענען צוגיין צום יו"ט מיט אן הרחבת הדעת, ושכרו יהי' כפול מן השמים.

### די קריזיס'פולע צושטאַנד; די בודזשעט ווערט נישט געדעקט!

וואס האט אבער פאסירט אין די לעצטע עטליכע יאר, איז געווען ווען מען האט זיך דערזען מיטן מציאות, אז דער שטייגנדער וואוקס בליע"ה אין אונזערע מוסדות אין ירושלים, בני ברק, און בית שמש, טוט כסדר הייבן דראסטיש דעם בודזשעט וואס די געטרייע ארטיגע הנהלות טראגן אויף זייערע פלייצעס, און עס איז געקומען צו א מצב ווען מען האט געמוזט אנערקענען, אז דער ביז יעצטיגער מהלך קען נישט ווייטער אנגיין, בשעת מען האלט ביי דעם אז די הנהלה אין ארץ ישראל קען נישט שטיין אינעם בודזשעט, און קומט ממש צו א מצב פון קאטאסטראפע.

ווי געזאגט, איז דאס געקומען אין צייט וואס די געטרייע עסקני וגבאי מוסדות יטב לב אין אמעריקע האבן געארבעט העכער די כוחות, צו העכערן כסדר מער און מער די תמיכות מיט דראסטישע נומערן, איז אבער פארט געווען אין הקומץ משביע את הארי, ווען אינאיינעם מיט תמיכות וואס זענען געוואקסן, איז אבער דער בודזשעט אין ארץ ישראל געוואקסן נאכמער, ספעציעל אין די לעצטע תקופה מיט די אינפלאציע, ווען אלעס איז דראסטיש שווערער געווארן, ביז ווען דער מצב האט געברענגט אז עס האבן זיך אנגעהויבן זאמלען חובות וועלכע זענען נאר אלס געוואקסן העכער און העכער, ביז ווען עס איז געקומען אין די לעצטע חדשים, און מען האט געזען אז אויב וועט מען נישט טון זאפארט עפעס דראסטיש, איז חלילה וחס א פראגע אויפן גאנצן קיום פון די הייליגע מוסדות יטב לב אין ארץ ישראל, בבת עינם פון אונזערע הייליגע רבי'ס זי"ע.

און אויב דאס איז נישט געגוג געווען, איז נאך צוגעקומען דער שבר אשר קרנו, מיט'ן ביטערן שריפה וועלכע האט רח"ל פארניכטעט די בניני קהילתינו ומוסדותינו אין ירושלים עיה"ק, וועלכע האט צוגעלייגט אן אומגעהויערן עול אויף די הנהלה, ווען אויסער דעם ריזן פראיעקט פון דעם נייעם מאסיוון בנין הקהלה והמוסדות אין וועלכן מען איז ארייגעשפרינגען, האט מען געדארפט ארייגלייגן ריזיגע געלטער אין די צייטווייליגע בנינים וואס מען האט אהערגעשטעלט פאר די מוסדות, בנוסף צו די ריזיגע געלטער וואס מען צאלט אוועק מדי חודש בחודשו, פאר די אלע לאקאלן וואו די פיליאלעס פון די מוסדות האלטן זיך אויף אויפדערווייל אויף במשך די קומענדיגע עטליכע יאר.

### אויפנאַמע פון פרישע ענערגישע כוחות אין די הנהלה

צוליב די פאַרברייטערטע בודזשעט פאדערט זיך דאך פרישע כוחות און פרישע ענערגיע צו קענען נאכיאגן די שווערע ארבעט, און דעריבער האט מרן רבינו שליט"א מחליט געווען מיט ארום א דריי פערטל יאר צוריק, אויפצונעמען נאך עטליכע חשוב'ע בעלי בתים אלס פרישע חברים אין די הנהלה, הלה המה - מו"ה ר' אברהם סופר הי"ו, מו"ה ר' משה אלי' ווערצבערגער הי"ו, און מו"ה ר' יואל בר"ש לאנדא הי"ו.

די הנהלה אינאיינעם מיט די פרישע כוחות האבן זיך פון פריש ארייגעלייגט מיט לייב און לעבן צו זען וויאזוי מען קען העלפן דעקן דעם שווערע לאסט פון די הייליגע מוסדות, אבער שטייענדיג דעם ריזן דעפיציט פון עטליכע מיליאן דאלער וואס פעלט פאר די מוסדות אין ארץ ישראל, האט מען נישט געקענט צוברענגען אן ענדגילטיגע לעזונג פאר די מוסדות, צו קענען אוועקשטעלן די מוסדות געהעריג אויף די פיס, צו קענען ממשיך זיין על מי מנוחות ווי ביז היינט.

### רבינו שליט"א פאדערט זאפארט עפּעס דראַסטיש!

מיט ארום פיר וואכן צוריק האָט מרן רבינו שליט"א אריבערגערופן די חשוב'ע חברי הנהלת מוסדות יטב לב, און פארלאנגט אז מען קען נישט זיצן מיט פארלייגטע הענט, און מען מוז זאפארט טון עפעס 'דראסטיש' און מער ווי געווענליך, אין די צייט וואס 'סאטמאר' איז דער ראש וראשון צו שטיצן און פינאנצירן 'אלע' מוסדות על טהרת הקודש בארה"ק, איז זעלבסט פארשטענדליך אז מען דארף צו ערשט איינמאל פאר אלעמאל אוועקשטעלן א געהעריגער יסוד בסיס פאר מוסדות יטב לב, צו קענען דראסטיש הייבן די תמיכות וואס מען שיקט קיין ארץ ישראל, אויף אן אופן אז עס זאל קענען דעקן דעם חלק הארי פונעם בודזשעט וואס די דארטיגע



צו געבן אייער 'הארציגע נדבה'
פאר די מוסדות יטב לב אין ארה"ק

אדער מזכיר צו זיין סיי וועלכע בקשה וואס די תשב"ר אין ארה"ק זאלן מתפלל זיין, רופט:
1877.YETEV LEV (938.3853)

חברי הנהלה טראגן אויף זייערע פלייצעס.

און, אין א שריט צייגנדיג ווי ווייט די זאך איז קרוב ונוגע ללבו הטהור, האט רבינו שליט"א אנגעגעבן פאר די הנהלה, אז ער פערזענליך איז מוכן צו נעמען אויף זיך דעם עול ארויסצוהעלפן די הנהלה אינעם נייעם פראיעקט, צו העלפן אויפטרייבן סכומים, אריבערגיין צו נגידים אין שטוב, און אזוי ווייטער כל מה שביכלתו צו קומען צו הילף פאר די הייליגע מוסדות, אינעם יעצטיגן קריטישן מצב בעת צר.

## קרן לב אהרן; דעם רבי'נס קרן!

אין ליכט פון דעם איז בברכת קדשו פון רבינו שליט"א, נתייסד געווארן דער נייער קרן, "קרן לב אהרן", אוועקצושטעלן אן היסטארישן פראיעקט פון א קרן וועלכע וועט שאפן יערליך גרעסערע סכומים וואס וועט אי"ה זיין א שטארקע יסוד פאר לאנגע יארן למען קיום המוסדות על טהרת הקודש בפלטרין של מלך.

מען האט צונויפגעשטעלט א ליסטע פון טפסרי ונדיבי אנ"ש, וועלכע וועלן בעז"ה מנדב זיין נדבת לבם הטוב, א יערליכע נדבה פאר מוסדות יטב לב, דעם ריזן סכום פון הונדערט טויזנט דאלער מדי שנה בשנה.

כמובן, אז דער מערהייט פון די חשוב'ע נגידים האבן שוין ביז יעצט אויך געגעבן גרויסע יערליכע נדבות פאר מוסדות יטב לב, אבער אצינד וועלן זיי מוסיף זיין צו זייערע ביז איצטיגע נתינות, וויפיל זיי האבן געגעבן יעדער כנדבת לבו, און דאס ארויפברענגען צו א קאלאסאלע סכום פון הונדערט טויזנט דאלער א יאר, בנוסף צו עטליכע חשוב'ע נגידים, וועלכע האבן מרצונם הטוב גענומען אויף זיך נאך פיל העכערע נומערן, צו דערפרייען לבו הטהור פון רבינו שליט"א, וועלכער קוקט אזוי ארויס אויף יעדן נדבה, ארויסצוהעלפן די הייליגע מוסדות.

## פערזענליכע אסיפות מיט די שותפים הנגידים

די אלע חשוב'ע נדיבים, האבן אין די טעג די זכי' צו זיין פון די קרואי המלך, ווען זיי ווערן פערזענליך אריבערגערופן געווארן לביתו נאוה קודש פונעם רבי'ן שליט"א, וועלכער רופט אריבער נאכאנאנד עטליכע נגידים אויפאמאל אויף אן ענגע אסיפה, און איז מעורר געווען לבבם הטוב, זיך אנצורופן מיט די פארגרעסערטע סכומים לטובת די הייליגע מוסדות, ונעשה ונשמע אמרו כאחד, ווען פילע חשוב'ע נדיבים האבן שוין גע'חתמ'עט פארן רבי'ן זייער פרישער התחייבות פאר די



ב"ק מרן רבינו שליט"אביים ממנה זיין פרישע חברי הנהלה פאר מוסדות יטב לב זיך ארייננצולייגן צו ארויסהעלפן די ביז יעצטיגע מנהלים ועסקנים מיט די וואקסענדע דעפיציטן פון די מוסדות אין ארה"ק

הייליגע מוסדות, האבנדיג דערמיט די זכי' להחיות נפש צדיק.

די רייע אסיפות, האבן זיך אנגעהויבן מיטן ערשטן מסיבה פארלאפענעם מוצ"ש שמות אין ק"י בביתו נאוה קודש. דערנאך איז פארגעקומען א מסיבה פאר עטליכע נגידים פארלאפענעם דאנערשטאג ווארא בביתו נאוה קודש אין וויליאמסבורג. און עס וועט בעז"ה ממשיך זיין אין עטליכע וואכן ארום, ווען דער רבי וועט זיך צוריקקערן ממקום הנופש אין פאלם ספרינגס.

און אט דערמיט, האפט מען בעז"ה צו האבן אפגעראטעוועט די הייליגע מוסדות, מיט א שטאנדהאפטע פעסטע יסוד, לאורך ימים ושנים!

## אַלגעמיינע שטיצע- קָראַפּט ביים ציבור זעצט פאָר, און גייט אַרויף!

אין די זעלבע צייט דארף ווערן קלאָר אַרויסגעברענגט אַז די פרישע "קרן לב אהרן" צילט בלויז צו דעקן די דעפיציט פונעם בודזשעט וואָס ליגט אויף די פלייצעס פונעם ארץ ישראל'דיגע אָפיס, און דאָס האָט נישט קיין שייכות מיט די ביז היינטיגע נדבות וועלכע איז געשאַפן געוואָרן דורך די יטב לב אָפיס דאָהי אין אַמעריקע, וואָס די אַמעריקאַנער אָפיס וועט בעז"ה ווייטער שיקן זייער חלק, און מיטביידע אינאיינעם האָפט מען בעז"ה צו דערגרייכן דעם ציהל אַז די מוסדות זאָל זיך קענען פירן על מי מנוחות.

די לאָקאַלע מוסדות יטב לב איז ווייטער קריטיש וויכטיג אָנגעוויזן אויף די וואַרימע הילף און שטיצע פון אנשי שלומינו וועלכע געבן אַ יערליכע נדבה פאר מוסדות יטב לב און זען דערביי אַ קוואַל פון ישועות, און אינעם יעצטיגן שווערן מצב, דארף מען ספעציעל צוקומען צו באדייטנדע הוספות פונעם ברייטן ציבור, און עס זיכער אז אידן וואס האבן נאך ביז היינט נישט געהאט די זכי' צו נעמען א טייל, און סאטמאר איז זיי נוגע ללבם ובפרט די הייליגע מוסדות אין ארץ ישראל, וועלן זיכער אליינס קעגן קומען די עסקנים וגבאים מיט באדייטענדע סכומים פון לכה"פ הונדערט דאללאר א חודש למען צדקת רמבעה"נ.





אדער מזכיר צו זיין סיי וועלכע בקשה וואס די תשב"ר אין ארה"ק זאלן מתפלל זיין, רופט:
1877.YETEV LEV (938.3853)
בקודש חזיתיך

בעזהשי"ת

# בקודש חזיתיך

מאנאטליכע אויסגאבע וואס
ווערט ארויסגעשיקט פאר
תומכי מוסדות יטב לב
דרב"י בארה"ק


**Mailing address:**
**Yetev Lev Eretz Yisruerl**
**POB 2123 Monroe, NY 10949**


פאר סיי וועלכע קאמענטארן, אדער ווער עס האט איבערצוגעבן סיי וועלכע עפיזאד אדער בילדער און דאקומענטן בשייכות מיט די אנטוויקלונג און אויפהאלטונג פון די מוסדות יטב לב, פארבינדט אייך מיט איינע פון די עסקני יטב לב, אדער רופט אריין אין אפיס

**845.782.3091** עקסטענשאן **105#**

אדער קענט איר שיקן אן אימעיל צו

**Bakodesh@yetevlevey.com**


Layout and Design by:
**www.Artistic.Group**

Editing by:
**Mastermind Marketing**


# עסקני מוסדות יטב לב

**איבערצוגעבן נדבות פאר די מוסדות אדער זיך איינצוהאנדלען א שותפות אין החזקת מלמד**

### וויליאמסבורג

**ר' מאיר פערל הי"ו, מנכ"ל**
917.836.0447

**ר' הלל מנשה מארמארשטיין הי"ו**
347.243.8419

**ר' יואל בראוועה הי"ו**
347.385.3892

### בארא פארק

**ר' משה חיים קאהן הי"ו**
718.812.5249

### קרית יואל

**ר' אשר זעליג בלייך הי"ו**
845.662.5250

**ר' אליעזר דוד פריעדמאן הי"ו**
845.604.0646

### מאנטריאל

**ר' קלמן אליעזר לעווי הי"ו**
514.915.6315

### אברכים חדשים

**ר' מרדכי בלומענטאהל הי"ו**
845-662-3000

**אויסצולייזגן א יטב לב פושקע אדער צו באקומען א נייע פושקע**

**קרית יואל**
ר' יואל צבי הירשפעלד הי"ו
845.662.4091

**וויליאמסבורג**
ר' אברהם שפיצער הי"ו
347.443.2475

# ברכת מזל טוב

לכבוד ידידינו החשובים
שהשמחה במעונם

## הרה"ח ר' יחזקאל ראטטער הי"ו

חבר הנהלת מוסדות יטב לב בני ברק יצ"ו

**לרגל אירוסי בתו למז"ט**

## הרה"ח ר' ישכר בצלאל יאקאב הי"ו

מנהל מוסדות יטב לב ירושלים עיה"ק

**לרגל הולדת הנכדה למז"ט**

## הרה"ח ר' מאיר פערל הי"ו

מנכ"ל מוסדות יטב לב

**לרגל הולדת הנכד למז"ט**

## הרה"ח ר' יואל כף הי"ו

מנהל מפעל החזקת מלמד בני ברק יצ"ו

**לרגל נישואי בתו למז"ט**

## בנש"ק הרה"ח ר' יעקב שלום אשכנזי הי"ו

חבר הנהלת מוסדות יטב לב ירושלים עיה"ק

**לרגל נישואי בתו למז"ט**

## הרה"ח ר' יואל קליין הי"ו

מנהל מפעל החזקת מלמד בירושלים עיה"ק

**לרגל הכנסת בנו לעול התומ"צ למז"ט**



# ר' מאיר ענטפערט

פראגעס און ענטפערס איבער אקטועלע נושאים דורכגעשמועסט צווישן אונזערע
חשוב'ע תומכים און ליינער מיט הרה"ח ר' **מאיר פערל** הי"ו מנכ"ל מוסדות יטב לב

**בסייעתא דשמיא עפענען מיר דא אויף דעם נייעם קאלום אונטערן נאמען 'ר' מאיר ענטפערט' א קאלום וועלכע וועט אי"ה געבן די געלעגנהייט פאר אונזערע חשוב'ע ליינער און תומכים דורכצושמועסן סיי וועלכע פראגע איבער סיי וועלכן ענין אמבאלאנגט די מוסדות יטב לב בארה"ק, וואס דער ציבור וויל פארשטיין און וויסן, ובפרט ווען די רעדע איז פון א מוסד וועלכע איז טאקע נאנט צום הארץ אבער דאך ווייט פון אויג זעקס טויזענט מייל פון ניו יארק.**

**דער געדאנק פון אזא קאלום איז נתחדש געווארן 'בין כותלי ביהמ"ד' אין די פארגאנגענע וואכן ווען עס איז דורכגעפירט געווארן די יערליכע קאמפיינס לטובת מוסדות יטב לב אין די שטעט פון מאטריאל און בארא פארק יצ"ו, ווען דער חשוב'ער לעגענדארער מנכ"ל יטב לב הרה"ח ר' מאיר פערל האט באזוכט צווישן די בתי מדרשים פון די ארטיגע אנשי שלומינו אפצונעמען די ווארימע נדבות פונעם ציבור לטובת מוסדות יטב לב בארה"ק, און ווי אלעמאל ווען תומכים טרעפן דעם עסקן נוצן זיי אויס דעם געלעגנהייט צו פרעגן פארשידענע פראגן וואס זיי וואלטן געוואלט בעסער פארשטיין איבער די מוסדות וועלכע איז אזוי נאנט צו זייער הארץ.**

**איז דאן איינגעפאלן דער געדאנק, פארוואס זאל מען נישט אויסנוצן אונזער פלאטפארמע אין בקודש חזיתיך צו געבן די געלעגנהייט פאר אונזערע אנדערע תומכים אויך זיך אויסצושמועסן און אויסקלארן סיי וועלכע פראגע איבער אונזערע/אייערע מוסדות אין ארץ ישראל.**

**מיר הייבן אן מיט צוויי שאלות וואס מענטשן האבן געפרעגט, און אדרבה, אויב האט איר סיי וועלכע פראגע, שיקט דאס אריין צו די מערכת און מיר וועלן דאס איבערגעבן פאר ר' מאיר, און די תשובות וועלן האפענטליך ערשיינען אין די קומענדיגע אויסגאבעס.**

פראגע: **איך האב ב"ה א שטארקע ווארעמקייט צו מוסדות יטב לב, און איך האב שוין די זכי' צו זיין פון די תומכי המוסדות פאר לאנגע יארן צום גוטן, איך האב שוין לאנג געהאט די שאלה, אבער יעצט ביים קאמפיין האב איך נאכאמאל באמערקט אז ווען די עסקנים קומען מיר בעטן מיין יערליכע נדבה, ווען זיי אלעמאל פרובירן צו העכערן מיין נדבה, צו געבן מער פון א יאר פריער. אויב איז מען פאריאר געווען צופרידן מיט דעם סכום וואס איך האב דעמאלטס געגעבן, וואס האט זיך היי-יאר געטוישט?**

ר' מאיר: אודאי זענען מיר מחשיב יעדן סכום וואס א איד איז מנדב פאר'ן מוסד, ובפרט ווען דער נותן גיבט לויט זיין יכולת. אבער ווי פארשטענדליך איז נישט שייך צו זאגן אז עס איז פארהאן א באשטימטע סכום וואס ווען מען גיבט יענעם סכום וועט דער עסקן זיין צופרידן...

מיר דארפן שיקן יעדן חודש ריזיגע סכומים, און עס איז ווייט פון גענוג. פון יאר צו יאר שטייגן די הוצאות, געוועגליך אין די ביזנעס וועלט, ווען עס שטייגן די הוצאות, וועט מען העכערן די פרייזן אז די הכנסות זאלן אויך שטייגן. אבער ביי א מוסד וואס די הכנסות זענען בלויז די נדבות פונעם ציבור, אויב וועט דער אלגעמיינער פרייז פון די נדבות פונעם ציבור בלייבן די זעלבע ווי די לעצטע פאר יאר, מיינט דאס חלילה אז עס שאפט זיך א ריזיגער דעפיציט.

געוועגליך איז די ערשטע פראגע מיט וואס די עסקנים באגעגענען זיך ווען מען קומט ארויף צו א איד בעטן א נדבה, "וויפיל האב איך געגעבן פאריאר"? עס איז פארהאן א נאטור ביי מענטשן זיך צו וועלן האלטן ביי זייער אלטע סומע וואס זיי האבן געגעבן מיט א יאר אדער צוויי פריער. אבער ווי געזאגט, איידער איר פרעגט פונעם עסקן "וויפיל האב איך געגעבן פאריאר?" טראכט צום ערשט אריין וויפיל איז געווען דער געברויך פאריאר? און צו קען מען מיט מיין אלטע נדבה דעקן דעם היינטיגן גרויסן דעפיציט.

זעלבסטפארשטענדליך אז די הצלחה פון די אלע תומכים וועט אויך נישט בלייבן שטיין ביי די אלטע ציפערן נאר די נדבנים וועלן בעז"ה זעהן א העכערונג אין ישועות בכל הענינים.



אדער מזכיר צו זיין סיי וועלכע בקשה וואס די תשב"ר אין ארה"ק זאלן מתפלל זיין, רופט:
1877.YETEV LEV (938.3853)
בקודש חזיתיך

**פראגע: מען הערט די פריידיגע בשורה אז בברכת קדשו פון כ"ק מרן רבינו שליט"א איז געגרינדעט געווארן דער "קרן לב אהרן" צו שאפן גרעסערע נדבות פון נדיבים בעם פאר די מוסדות אין ארץ ישראל. מיינט דאס אז מען איז מער נישט אנגעוויזן אויף די קלענערע און גרעסערע נדבות פונעם ברייטן ציבור אנ"ש?**

ר' מאיר: אין די פארגאנגענע טעג האבן מיר עטליכע אידן געפרעגט די שאלה, און עס איז מעגליך אז עס פעלט א געוויסע קלארקייט ביים עולם, לאמיר דאס טאקע אויסשמועסן.

תלי"ת די מוסדות יטב לב אין ארץ ישראל וואקסן און בליען בליעה"ר, און דער גרעסטער טייל פונעם בודזשעט ווערט געדעקט דורך די ווארימע נדבות פונעם ברייטן ציבור אנ"ש אין ניו יארק, וואס ווערט צוזאמענגעשטעלט פרוטה לפרוטה דורך די חשוב'ע עסקנים וגבאי קודש, וועלכע יום ולילה לא ישבותו, צו שאפן די ריזיגע אסטראנאמישע סכומים מדי חודש בחודשו, דער אפיס פון מוסדות יטב לב האט אין דעם פארגאנגענעם יאר אריינגעברענגט די פאנטאסטישע סומע פון 6 מיליאן דאלער, בלויז פון נדבת הציבור פון אנשי שלומינו, און פון דעם שיקט מען פאקטיש די חודש'ליכע תמיכות מיט וועלכן מען צאלט די געהאלט פאר די כלי קודש אין ירושלים, בני ברק און בית שמש.

חוץ מזה ארבעטן די הנהלת המוסדות פון ארץ ישראל אויך זייער שווער פון זייער זייט צו שאפן הכנסות כפי יכולתם, דורך שכר לימוד, דינער נדבות, און נאך זייטיגע הכנסות. במציאות איז אבער נאך אלס געבליבן א דעפיציט, וואס איז כסדר געוואקסן, און מען האט געזען אז מען מוז עפעס טון דראסטיש צו דעקן דעם וואקסענדן דעפיציט, אז עס זאל חלילה נישט גורם זיין אז די מוסדות אין ארץ ישראל זאלן קומען צו א קריזיס ח"ו.

דעריבער איז כ"ק מרן רבינו שליט"א אריינגעשפרינגען אין דעם אונטערנעמונג צו שאפן גרעסערע געלטער צו דעקן דעם יערליכן דעפיציט. און מען דארף טאקע ארויסהייבן לשבח די קבוצה נכבדה פון נגידי אנ"ש וועלכע האבן זיך אנגעשלאסן אין דעם שותפות מיט'ן רבי'ן, צו פארווירקליכן דעם רבי'נס שאיפה, צו קענען דעקן דעם פארבליבענעם לאך אינעם בודזשעט פון די ארץ ישראל'דיגע מוסדות.

אבער עס איז קלאר און פארשטענדליך אז אין התוספות מתקבל אלא על העיקר, און אויב וועט דער אפיס פון מוסדות יטב לב נישט ווייטער ארבעטן שווער צו שאפן די ערשטע 6 מיליאן דאלער, איז נישט שייך מיט די פריש געשאפענע געלטער צו פינאנצירן דעם ריזיגן בודזשעט פון די אלע מוסדות אין ארץ ישראל. און אדרבה, טאקע די ווארימקייט פונעם ציבור וועלכע שטרענגען זיך אן כפי מיטב יכולתם מיט ווארימע נדבות, דאס איז דער טרייב קראפט פאר די נדיבי' עם צו פרובירן משלים צו זיין דאס וואס איז נאך נישט געדעקט.

ווי געזאגט איז דאס באמת דברים פשוטים, וואס אויב איינער איז נישט קלאר אין די פרטים, איז כדאי אז דאס זאל ווערן אויסגעשמועסט. (פאר מער זעט ביי די לענגערע נייעס איבער דעם קרן לב אהרן אין די היינטיגע אויסגאבע).

**פארזעצונג פון זייט 3**

איבריג צו זאגן, די זכי' וואס מיר האבן דאן געשפירט, צו מקבל פנים זיין דעם רבי'ן בעל ברך משה זי"ע, און אנקוקן די הייליגע צורה.

פון דארט איז דער רבי געפארן קיין ירושלים, וואו עס איז פארגעקומען דער ריזיגער קבלת פנים, און דער רבי איז דארט פארבליבן ביז איבער שבת. א וואך שפעטער איז דער רבי געקומען צו פארן קיין בני ברק, וואו עס איז ווידעראמאל פארגעקומען א מלכות'דיגע קבלת פנים, ביי וועלכן מיין פאטער ז"ל הכ"מ איז געווען פון די ראשי העסקנים.

דער רבי איז אנגעקומען קיין בני ברק דוכט זיך דינסטאג, און אום דאנערשטאג איז ער אריבערגעקומען אין תלמוד תורה, וואו ער איז פאריבער אין אלע כתות, און געשטעלט פראגעס פון די אנוועזנדע תלמידים, אין יעדע כתה אויף וואס זיי האבן געלערנט.

ווען דער רבי איז אנגעקומען אין די עלטסטע כתה, פון הרה"ג רבי שלמה זלמן וויינבערגער שליט"א, האט ער אפגעשטעלט א יונגעל און אים פארהערט דעם גרויסן תוס' שמע מינה בעלי חיים אין מס' קידושין דף ז' ע"ב.

האט מיין טאטע ז"ל הכ"מ פארציילט, אז דער יונגעל, וועלכער איז געווען א מתמיד און א חריף, האט אזוי געשמאק געזאגט דעם תוס', אז דער רבי האט זיך ממש דערקוויקט מיט אים. הרה"ח ר' עזריאל גליק ז"ל משב"ק האט דאן געזאגט פארן רבי'ן, אז מ'דארף שוין גיין ווייטער, ווייל ס'איז שפעט, אבער דער רבי האט זיך נישט געלאזט, נאר האט געוואלט אויסהערן דעם יונגעל ביז צום סוף.

דער יונגעל איז דער היינט באקאנטער עסקן הרה"ג רבי דוד ארי' גרובער שליט"א פון ירושלים, וועלכער איז דעמאלט געווען נאך בעפאר די בר מצוה, אבער האט זוכה געווען להחיות נפש צדיק מיט זיין שטארקע ידיעה אין לערנען. ווי פארשטענדליך, איז דאס געווען א געוואלדיגע נחת פארן רבי'ן, אז די סאטמארער תלמידים לערנען גוט און גרונטליך.

אלענפאלס, נאכאמאל א דאנק פאר רבי יקותיאל יצחק שליט"א, און מיר וואונטשן אים מעומק הלב אלע גוטע ברכות, און באזונדער א רפואה שלימה (ביטע אים אינזין האבן: רבי יקותיאל יצחק בן אסתר שליט"א לרפו"ש בתושח"י), אין זכות פון די הייליגע מוסדות יטב לב, פאר וועלכע ער האט אזויפיל געטון אין די פארגאנגענע יארן, און השי"ת זאל אים געבן די זכי' צו קענען ווייטער טון דערפאר, לאורך ימים ושנים טובים.

***מיט דאנק, אייער פריינד***
***בנימין זאב שווארץ***




# ראשית ממלכתו

היסטארישע קאפיטלן מאוצר הזכרונות פון
**הרה"ג רבי יצחק שטערן**
ז"ל מותיקי אנ"ש בירושלים עיה"ק ולאחריו בניו יאָרק

## פאָרוואָרט:

## התייסדות פון סאטמארער מיידל שולע אין ירושלים עיה"ק

"צען יאָר און פינף חדשים" טיילט אָפּ זינט ווען מיר האָבן אין דאָזיגן קאָלום "ראשית ממלכתו" אָנגעהויבן צו שילדערן די היסטאָריע פון אונזער הייליגע קהלה און מוסדות אין בני ברק, יעדן חודש מיט פרישע אַנטוויקלונגען זינט עס איז געשטעלט געוואָרן דער ערשטער שטיינדל פון די בליענדע קהלה און מוסדות עד היום הזה.

אין חדשים און יאָרן פריער, זינט אונזער אויסגאַבע האָט אָנגעהויבן צו ערשיינען בעזהשי"ת, ווען מיר האָבן אָנגעהויבן דעם קאָלום איבער די היסטאָריע פון רבי'נס הייליגע מוסדות אין ארה"ק, האָבן מיר נאַטורליך אָנגעהויבן צו דערציילן איבער דעם אַנטוויקלונג פון די קהלה און מוסדות אין ירושלים עיה"ק, וואָס איז ריכטיג געווען "ראשית ממלכתו" פון רבי'נס הייליגע פעולות תיכף נאָכ'ן גרויסן חורבן פון די צווייטע וועלט קריג און נאָך פריער.

דאַן צום התחדשות פון שנת תשע"ד, אינעם בקודש חזיתיך פון "חודש תשרי" אין יענעם יאָר, האָבן מיר געטוישט דירעקציע, און מיר האָבן אָנגעהויבן צו שרייבן איבער די היסטאָריע פון די קהלה און מוסדות אין בני ברק. מיר האָבן פאַרשטאַנען און געזען פון אָנהייב אַז עס רעדט זיך פון א רייכע היסטאָריע, און מיט אן אויבערפלעכליכן בליק האָט עס אויסגעזען אַז עס וועט געדויערן עטליכע יאָר, פיר אָדער מאַקסימום ביז פינף יאָר, ביז מיר וועלן אָנקומען צו שרייבן די גאַנצע היסטאָריע פון די הייליגע קהלה מוסדות אין בני ברק.

אָבער ווי עס איז דער שטייגער, זענען מיר אינצווישן באַרייכערט געוואָרן מיט נאָך אַסאַך אַסאַך פרישע ידיעות, סיי וואָס מיר האָבן געהערט פערזענליך פון אנ"ש וואָס האָבן געהאַט סיי וועלכן יד וחלק אין די מוסדות אָדער די וואָס געדענקן פּרטים פון יענע יאָרן, און סיי וואָס מיר האָבן געטראָפן אין פאַרשידענע פרישע מקורות וואו עס זענען פאַרשריבן פאַרשידענע פּרטים פון יענע תקופה.

אַזוי דערזעען מיר זיך אַריבער צען יאָר שפּעטער, און מיר האַלטן ערשט ביים שילדערן די אַנטוויקלונגען פון שנת תשי"ז י"ח, א צייט ווען די מוסדות אין בני ברק האָבן שוין געבליט און געשטיגן, אָבער מ'האָט פאָרט נאָך געהאַלטן ביים כל התחלת קשות, זייענדיג נאָך אין די בראשית יאָרן פון דעם התייסדות פון די הייליגע מוסדות.

מיר וועלן אי"ה ביי א קומענדיגע געלעגענהייט זיך נאָך אומקערן צו דערציילן איבער די ווייטערדיגע אַנטוויקלונגען פון די הייליגע מוסדות אין בני ברק, אָבער אינצווישן קערן מיר זיך אום קיין ירושלים עיה"ק צו שילדערן ווייטערדיגע פּרטים איבער דאָס התייסדות און אַנטוויקלונג פון די אָרטיגע מוסדות יטב לב.


צו געבן אייער 'הארציגע נדבה'
פאר די מוסדות יטב לב אין ארה"ק
אדער מזכיר צו זיין סיי וועלכע בקשה וואס די תשב"ר אין ארה"ק זאלן מתפלל זיין, רופט:
**1877.YETEV LEV (938.3853)**

און אויך ביי דעם וועלן מיר אויסלאָזן דעם סדר הדברים פון א היבשע פאר יאָר, מיט אַסאַך היסטאָרישע שטריכן אינצווישן וואָס קען נאָך און וועט אי"ה נאָך דערציילט ווערן ביי א קומענדיגע געלעגנהייט.

אַצינד וועלן מיר בעזהשי"ת אָנהייבן מיט א פרישן קאַפיטל איבער די אַנטוויקלונגען אין די ירושלימ'ער מוסדות, נעמליך איבער דעם התייסדות פון די מיידל שולע "בנות ארץ ישראל" די מיידל שולע פון מוסדות יטב לב אין ירושלים יעהק, וואָס האָט אונטער זיך גאָר א רייכע און אינטערעסאַנטע היסטאָריע, ווי איר וועט אי"ה ליינען במשך די קומענדיגע תקופה.

מיר וועלן איבערגעבן די אַנטוויקלונגען לויט ווי עס איז דערציילט געוואָרן דורך פאַרשידענע אנ"ש וואָס האָבן גענומען א חלק ביים אויספירן רצון קדשו פון מרן רביה"ק זי"ע מייסד צו זיין די מיידל שולע אין ירושלים עיה"ק, אָבער בעיקר באַנוצן מיר זיך מיט די גאָר רייכע זכרונות, געשריבן בלשונו הזך פון דעם חשוב'ן תלמיד חכם ונשוא פנים, הרה"ג רבי יצחק שטערן ז"ל מותיקי אנ"ש קודם אין ירושלים עיה"ק און שפעטער אין ניו יאָרק, וועלכער האָט אַלס "כתבא רבה" געהאַט די זכי' אָפצושרייבן די דברות קודש פון מרן רביה"ק זי"ע ביי זיין באַזוך אין ארה"ק בשנת תשי"ב און אויך שפעטער בשנת תשכ"ה וואָס דורך אים פאַרבליבן למשמרת ביז צום היינטיגן טאָג. הר"ר יצחק ז"ל איז דער זון פון הגה"צ המפו' רבי מנחם זאב שטערן זצ"ל אבדק"ק גבעת שאול, תלמיד מובהק פון מרן רביה"ק זי"ע נאָך פון די שטאָט סאַטמאַר, זון פון החסיד המופלג הר"ר אפרים ז"ל פון די סאַמע ערשטע תלמידים פון מרן רביה"ק זי"ע נאָך ווען דער רבי האָט געוואוינט אין סאַטמאַר זינט קורץ נאָך זיין חתונה.



הגה"צ מגבעת שאול ביי א תנאים ליינען אין ארה"ק ביי איינע פון אנשי שלומינו אין ירושלים עיה"ק

הר"ר יצחק ז"ל איז געווען דער וואָס האָט גענומען אן אַקטיוון טייל, סיי ביים התייסדות פון די מיידל שולע, און סיי שפעטער אין די בראשית יאָרן פון די שולע, ווען ער איז געשטאַנען ביים רודער פון די שולע, זיכער צו מאַכן בעזהשי"ת אַז עס ווערט אַראָפגעשטעלט אויף פעסטע יסודות, ווען דערביי האָט זיין חשוב'ע פרוי תליט"א אשת חיל עטרת בעלה, געדינט אַלס מנהלת פון די שולע, און מיט אירע זעלטענע טאַלאַנטן און שטאַרקן יראת שמים, האָט זי מצליח געווען אַראָפצושטעלן די שולע אויף גאָר שטאַרקע יסודות, ווי עס האָט אָנגעהאַלטן אַלע יאָרן שפעטער. די חשוב'ע מרת שטערן תליט"א האָט שפעטער געדינט פילע יאָרן אַלס הויפט מחנכת אין עטליכע אָפטיילונגען פון די מיידל שולע דמוסדותינו הק' "בית רחל" אין וויליאַמסבורג, וואו זי ווערט געדענקט ביי די תלמידות מיט דעם כתר שם טוב און שעפערישע כחות וואָס זי האָט אַריינגעלייגט ביי איר עבודת הקודש.

זייענדיג א טאַלאַנטפולער מענטש האָט הר"ר יצחק ז"ל פאַרשריבן אַסאַך זכרונות פון יענע תקופה, ובפרט איבער דעם השתלשלות פון די מיידל שולע אין ירושלים. ווי עס איז דער שטייגער פון זכרונות, געשריבן נאַטורליך פאר זיך אַליינס, זענען די בלעטער געמישט... א גרויסער טייל מיט אַנטוויקלונגען וואָס קען געהעריג פאַרעפענטליכט ווערן אין אן אויסגאַבע, בעת אַנדערע זענען מער האַקל וואָס ביים דאָס איבערגעבן ברבים דאַרף מען שוין מער זהירות וויאַזוי דאָס איבערצוגעבן, דאַקעגן אַנדערע חלקים וואָס האָט בכלל נישט קיין פלאַץ אין אן עפענטליכע אויסגאַבע.

מיר דאַנקן פון טיפן האַרצן פאר די בני משפחה פון הרה"ג רבי יצחק ז"ל, פאַר'ן אונז געבן די געלעגנהייט צו באַרייכערן די ידיעות פון אונזערע חשוב'ע תומכים, אין ראַם פון אונזער אויסגאַבע, דורכ'ן אונז איבערגעבן די אָרגינעלע זכרונות, צו קענען אַרויסקלויבן אוכל מתוך אוכל, אַזוי איבערצוגיין ברבים די העכסט-אינטערעסאַנטע פרשה פון די מיידל שולע אין ירושלים עיה"ק.

## ביאת צדיק למקום

ווי שוין דערציילט אין די סאַמע ערשטע קאַפּיטלען, איז מרן רביה"ק זי"ע אָנגעקומען קיין ירושלים עיה"ק אום א' דסליחות תש"ה, און האָט געפּראַוועט די נאָכפאָלגענדע ימים טובים פון שנת תש"ו בעיר ה' שמה אין ירושלים. תיכף נאָך די ימים טובים האָט דער רבי מייסד געווען זיין ישיבה אין ירושלים עיה"ק, און האָט אָנגעהויבן פאָרצולערנען שיעורים תמידין כסדרן פאר די טייערע תלמידים.

עטליכע יאָרן שפּעטער בשנת תשי"ב האָט דער רבי מייסד געווען אין ירושלים די תלמוד תורה "יטב לב" און דערויף ווידעראַמאָל מייסד געווען די ישיבה אין ירושלים וואָס איז אינצווישן אָפּגעשוואַכט געוואָרן.

אין די זעלבע צייט האָט דער רבי איינגעשטעלט דעם אָפיס אין ניו יאָרק פון וואו מען האָט אָנגעהויבן צו שאַפן געלט און צו שיקן רעגלמעסיגע שטיצע סיי פאר די תלמוד תורה און ישיבה אין ירושלים, ווי אויך שפּעטער פאר די מוסדות אין בני ברק וואָס זענען אינצווישן נתייסד געוואָרן.

יאָרן לאַנג איז עס אַזוי אָנגעגאַנגען, ווען די מוסדות אין ירושלים עיה"ק האָבן געהאַט נאָר א תלמוד תורה אָבער נישט קיין מיידל שולע.

## בבנותינו נלך

די מוסדות אין בני ברק האָבן שוין פון פריער פאַרמאָגט אַן אייגענע מיידל שולע, נאך אָנגעהויבן פון שנת תשט"ז. אָנהייב פון יענעם יאָר איז די


בקודש חזיתיך
צו געבן אייער 'הארציגע נדבה'
פאר די מוסדות יטב לב אין ארה"ק
אדער מזכיר צו זיין סיי וועלכע בקשה וואס די תשב"ר אין ארה"ק זאלן מתפלל זיין, רופט:
1877.YETEV LEV (938.3853)

פאַר די אינגלער האָט מען שוין טאַקע געהאַט געעפענט אייגענע מוסדות, אָבער די מיידלעך האָט מען קודם אַריינגעשטעלט אין די עקזיסטירנדע מוסדות, צו וועלכן די משפחות וואָס זענען אָנגעקומען קיין ירושלים ערשט נאָכ'ן קריג, האָבן היבש שווער זיך געקענט צופּאַסן, און דעריבער האָט אַזוי שטאַרק וויכטיג אויסגעפעלט צו עפענען אַן אייגענע מיידל שולע פאַר'ן סאַטמאַרער ציבור.

## הייתי לשני מחנות?

דאָס האָט געברענגט אַז דער חשוב'ער תלמיד חכם ועסקן נמרץ הרב רבי יצחק שטערן ז"ל האָט זיך אַריינגעלייגט אין דעם נושא. מיטהאַלטנדיג פונדערנאָענט די שוועריגקייטן וואָס אנ"ש גייען דורך ביים טרעפן אַן ערליכע מיידל שולע פאַר די טעכטער, האָט ער מציע געווען פאַר די געטרייע חברי הנהלה פון די מוסדות אין ירושלים, אין שפּיץ פון הגה"ח רבי ליפא שוואַרץ ז"ל מנהל, און הרה"ח ר' יחזקאל בראך ז"ל מנהל, אַז ס'וואָלט כדאי געווען צו עפענען אַ פרישע אייגענע ערליכע מיידל שולע וואו אנ"ש זאָלן קענען שיקן די טעכטער דאָרט נתחנך צו ווערן.



ווערט געזעהן הגה"צ דער גבע'ת שאול'ער רב זצ"ל פאטער פון הרב ר' יצחק ז"ל, ביי א שמחה מיט די גדולי ירושלים. פון רעכטס צו לינקס. הגה"צ מגבעת שאול זצ"ל, הרה"ח ר' ליפא שווארץ ז"ל מנהל יטב לב ירושלים, הגה"צ מהרי"ם דושינסקי זצ"ל גאב"ד ירושלים, דער חתן, הגה"צ רמ"א פריינד זצ"ל גאב"ד ירושלים

הר"ר יצחק האָט דערביי אויסגעשמועסט די פונקטליכע פלענער וויאַזוי מען קען צושטאַנד ברענגען דעם התייסדות פון די פרישע מיידל שולע, וואָס דאַרף געוויס קודם האָבן דעם באַשטעטיגונג פון מרן רביה"ק זי"ע.

הר"ר ליפא האָט זיך שטאַרק צוגעכאַפּט דערצו, אָבער ער האָט געזאָגט אַז במציאות איז אים שווער צו זען וויאַזוי עס זאָל קומען לידי מעשה אַז עס זאָל געעפענט ווערן אַ מיידל שולע מיטן נאָמען "סאַטמאַר" נאָכדעם ווי עס איז מעגליך אַז עס וועט אויסגעטייטשט ווערן אַז "סאַטמאַר" טיילט זיך אָפּ פון די אַנדערע ערליכע בתי חינוך, און עס וועט מעגליך געבן דעם רושם כאילו עס האָט זיך געשאַפן עפּעס אַ סכסוך צווישן סאַטמאַר און די אַנדערע מיידל שולעס, וואָס דאָס האָט מען געזוכט צו פאַרמיידן פאַר יעדן פרייז, אַז עס זאל אין קיין פאַל זיך נישט שאַפן אַזאַ רושם אַז די קרייזן פונעם ישוב הישן האָבן קאָנפליקטן צווישן זיך, ובפרט נאָך ווען ווירקליך האָט מען נישט געהאַט קיין חילוקי דעות מיט די אַנדערע מיידל שולעס, מ'האָט נאָר געזען אַ געברויך צו עפענען אַ פרישע שולע.

## כח הרבים עדיף

הערנדיג די גערעכטע טענות פון די הנהלה, איז הר"ר יצחק ז"ל – זייענדיג אַן ענערגישער מענטש מיט אַ געוואַלדיגן שכל הישר – אויפגעקומען מיט אַן אייגענאַרטיגן געדאַנק, אַז די פרישע מיידל שולע וואָס מען עפענט, זאָל נישט זיין דייקא אַ "סאַטמאַרער מיידל שולע" נאָר זאל געעפענט ווערן דורך עטליכע ירושלים'ער קהלות צוזאַמען אַזוי אַז עס וועט נישט געבן דעם רושם כאילו סאַטמאַר טיילט זיך אָפּ פון די מיידל שולעס, אָבער עס זאָל זיין אונטער די השפעה פון סאַטמאַר, און אַז די סאַטמאַרער הנהלה זאל האָבן דעם שטאַרקסטן ווארט איבער אַלע עניני החינוך.

אויף הלכה למעשה האָט הר"ר יצחק פאַרגעשלאָגן, אַז זייענדיג אַ תלמיד פון הגה"ק רבי ישראל משה דושינסקיא זצ"ל (שפּעטערדיגער גאב"ד ירושלים) ביי וועמען ער האָט אַלס בחור געלערנט אין די ישיבה "בית יוסף צבי דושינסקיא" קען ער פּרובירן דאָס מסדר צו זיין ביי אים, אַז ער זאָל אויך צושטיין צו דעם נייעם מיידל שולע, אַז די טעכטער פון די חברי בני קהלתו זאלן נתחנך ווערן אין די שולע, וואָס זאָל געבן דעם כאַראַקטער ווי די מיידל שולע עפענט זיך נייטראַל דורך עטליכע פון די ערליכע ירושלים'ער קהלות צוזאַמען.

דער געטרייער מנהל המוסדות הרה"ח ר' יחזקאל בראך ז"ל האָט אויף דעם געענטפערט, אַז די הנהלה איז מסכים צו דעם פאַרשלאָג אַז ער זאָל רעדן מיט הרב דושינסקיא, און ווען מען וועט האָבן זיין צושטימונג וועט מען זעט וואָס מ'טוט ווייטער.

הר"ר יצחק ז"ל האָט נאָך יענעם טאָג זיך געטראָפן מיט זיין רבי'ן הרב דושינסקיא ז"ל און ער האָט אים פאַרגעשלאָגן דאָס נחיצות פון עפענען די נייע מיידל שולע. הרב דושינסקיא זצ"ל האָט גוט אַרויסגעהאַט דעם נושא, ער האָט געקענט דעם מצב, און ער האָט גלייך מסכים געווען דערצו. ער האָט דאָס זייער גאָר שטאַרק צוגעשטופּט, אָבער ער האָט נישט געוואָלט געבן זיין ענדגילטיגע הסכמה ביז ווען ער רעדט דאָס דורך מיט די חברי הנהלה פון זיינע אייגענע מוסדות, כדי צו קענען באַשטימען אויב די הנהלה איז גרייט צו נעמען אויף זיך דעם פרישן עול, אַרויסצוהעלפן מיטן שטיצן די נייע מיידל שולע.

אין די אָוונט שטונדן איז הר"ר יצחק צוריקגעקומען צו הרב דושינסקיא וועלכער האָט אינצווישן דאָס שוין איבערגעשמועסט מיט די חברי הנהלה פון די הייליגע מוסדות וועלכע האָבן זיך אויך שטאַרק צוגעכאַפּט דערצו, און אַזוי האָט הרב דושינסקיא זצ"ל געגעבן זיין פולסטע צושטימונג צום התייסדות פון די נייע מיידל שולע.

האָט הר"ר יצחק דאָס נאָכאַמאָל אויסגעשמועסט מיט הרב דושינסקיא אַביסל קלאָרער, זאָגענדיג אַז מורא יעלה על ראשו נאָכדעם וואָס ער האָט זיך שוין כמה פעמים איבערגעצייגט ביי די


בקודש חזיתיך
צו געבן אייער 'הארציגע נדבה'
פאר די מוסדות יטב לב אין ארה"ק
אדער מזכיר צו זיין סיי וועלכע בקשה וואס די תשב"ר אין ארה"ק זאלן מתפלל זיין, רופט:
1877.YETEV LEV (938.3853)

מער סאָלידע רבנים און עסקנים אין ירושלים עיה"ק, אַז ווען עס קומט אונטער פאַרשידענע שוועריגקייטן צו וועלכן מען דאַרף זיך האַלטן מיט א שטייפקייט, ציט מען זיך ענדערש צוריק ווי איידער אַרויסצוציגן דעם נויטיגן שטייפקייט, דעריבער וויל ער האָבן א קלאָרן צושטימונג, אַז אפילו אין פאַל עס וועט זיך מאַכן אַז אַנדערע עסקנים וועלן אונטערשטעלן שוועריגקייטן, און עס וועט זיך אויספעלן א שטייפע שטעלונג צו בלייבן ווייטער מיט דעם מוסד, צו אויך אין דעם פאַל איז ער מסכים צו דערצו, א זאַך צו וואָס הרב דושינסקיא האָט ווייטער געגעבן זיין פולסטע צושטימונג.

אַזוי איז שוין געווען באַשטימט איינשטימונג אַז מ'וועט עפענען א געמיינזאַמע מיידל שולע פאַר די מיידלעך פון די היימישע קהלות, און עס איז שוין געווען באַשטימט אַז די שולע וועט טראָגן דעם נאָמען "בנות ישראל" צו וועלכן דער ירושלימ'ער רב הגרי"מ דושינסקיא זצ"ל האָט שוין געהאַט געגעבן זיין צושטימונג.

## בחפץ לב

מ'האָט שוין געהאַלטן א טריט ווייטער ביים התייסדות פון די מיידל שולע, אָבער הר"ר יצחק האָט זיך נישט געאיילט צוריקצוציען צו די הנהלה מיט דעם אַנטוואָרט וואָס ער האָט באַקומען פון הרב דושינסקיא. פאַר דעם האָט הר"ר יצחק געזוכט צו באַקומען א פאַרזיכערונג פון די מנהלים פון די ערליכע מיידל שולעס, אַז מצדם איז דאָס נישט קיין פּראָבלעם, און אַז זיי זענען פולקאָם מסכים אַז סאַטמאַר און אַנדערע קהלות זאָלן עפענען אייגענע מיידל שולעס.

האָט הר"ר יצחק זיך געוואָנדן צו איינעם פון די חשוב'ע אנ"ש וואָס האָט דאַן געוואוינט אין ירושלים וואָס איז געווען א נאָענטער ידיד מיט טייל פון די מנהלים פון די אַנדערע שולעס, צו הערן פון אים וואָס ער קלערט, וויאַזוי די מנהלים פון די שולעס וועלן רעאַגירן צו אַזאַ רעיון, אַז סאַטמאַר עפענט אַן אייגענע מיידל שולע. דער סאַטמאַרער עסקן האָט געהאַט ספּעציעל נאָנטע באַציאונגען מיט איינעם פון די מנהלים, און ר' יצחק האָט געוואָלט הערן פון דעם היימישן סאַטמאַרער עסקן וויאַזוי ער קוקט דאָס אָן, וויאַזוי דער מנהל פון די מיידל שולע וועט רעאַגירן אויף א פאָרשלאָג פון א נייע שולע.

דער סאַטמאַרער עסקן האָט גוט אַרויסגעהאַט דעם מצב פון די מיידל שולעס, האָט געענטפערט אַז ווי ער קוקט דאָס אָן איז אדרבה, די מנהלים פון די ערליכע מיידל שולעס וועלן זיך פרייען דערצו אַז עס קומען צו פרישע בתי חינוך לבנות, וואָס וועט פאַרגרינגערן פון זיי דעם עול פון די מיידל שולעס וואָס ווערט דורך זיי אָנגעפירט, ובפרט אַז עס וועט עטוואָס לינדערן דעם מאַנגל אין פלאַץ וואָס הערשט אַצינד אין די עקזיסטירנדע בנינים פון די מיידל שולעס, וואָס מוטשענען זיך צו קענען פלאַצירן נאָך תלמידות.




**בריוו פון ר' שלמה גפן אדרעסירט צו הר"ר יצחק שטערן ז"ל מיט תשובות אויף די שאלות וואס הר"ר יצחק ז"ל האט אנגעפרעגט דעם רבי'ן זי"ע איבער די שולע**

הר"ר יצחק האָט דעריבער געבעטן דעם סאַטמאַרער עסקן, אַז ער זאָל אַליינס רעדן מיט דעם מנהל פון די שולע מיט וועמען ער האָט נאָנטע באַציאונגען, און ער זאָל פרובירן אַליינס צו הערן פון אים וואָס ער זאָגט צו אַזאַ רעיון. דער עסקן האָט קודם פרובירט זיך אַרויסצודרייען, אָבער הר"ר יצחק איז שטאַרק צוגעשטאַנען צו אים, און צום סוף האָט ער מסכים געווען אָנצופרעגן ביי דעם מנהל.

צומאָרגענס האָט דער עסקן שוין געהאַט דעם פּאָזיטיוון ענטפער, אַז ער האָט שוין פערזענליך גערעדט צום מנהל פון יענעם מוסד, און טאַקע גענוי ווי מען האָט זיך גערעכנט, איז עס ביי אים געווען א שטאַרקע שמחה, אַז עס וועלן זיך עפענען פרישע מיידל שולעס אין ירושלים, וואָס ער האָט גלייך געזען אַלס א געוואונטשענע ערשיינונג, אַזוי וועט עס עטוואָס לינדערן דעם עול פון די מנהלים, און אַזוי צוליב נאָך פאַרשידענע סיבות.

האָבנדיג אַצינד שוין מער צושטימונג צו דעם רעיון, האָט הר"ר יצחק שטערן ווידעראַמאָל זיך צונויפגעזעצט מיט די געטרייע מנהלים פון די סאַטמאַרער מוסדות, הר"ר ליפּא שוואַרץ ז"ל און הר"ר יחזקאל בראַך ז"ל, און ער האָט זיי איבערגעגעבן אַלע אַנטוויקלונגען וואָס ער האָט שוין מסדר געווען ביז דעמאָלט, סיי דעם פּאָזיטיוון ענטפער פון די מנהלים פון די פריערדיגע מיידל שולעס אין ירושלים, און סיי אַז הגה"ק הגרי"מ דושינסקיא איז פולקאָם גרייט צו עפענען די שולע צוזאַמען מיט סאַטמאַר, אַזוי אַז עס וועט בכלל נישט האָבן דעם איינדרוק כאילו סאַטמאַרער טיילט זיך אָפּ פון די ביז-איצטיגע שולעס.

## דעם רבי'נס ענטפער און תנאי

פאַרשטייט זיך אַז צו אַזאַ אונטערנעמונג האָט מען נישט געקענט צוגיין איידערן באַקומען דעם פולקאָמען באַשטעטיגונג פונעם מייסד המוסדות מרן רביה"ק זי"ע. ווי עס איז געווען דער שטייגער אין יענע תקופה, האָט מען אַזעלכע שאלות נישט אָנגעפרעגט דורכ'ן טעלפאָן, א זאַך וואָס איז דאַן נאָך געווען זייער א שווערע אונטערנעמונג.

האָבן די צוויי דערמאָנטע מנהלים אָפּגעשריבן א דעטאַלירטן בריוו צום רבי'ן מיט אַלע פּרטים וואָס הר"ר יצחק ז"ל האָט שוין געטון איבער דעם געביט, און אָנגעפרעגט בדעת קדשו פון רבי'ן זי"ע וואָס צו טון, אויב מ'זאָל גיין ווייטער מיטן עפענען אַן אייגענע שולע אָדער נישט.

נאָך א קורצע צייט האָט די הנהלה אין ירושלים ערהאַלטן א


צו געבן אייער 'הארציגע נדבה' פאר די מוסדות יטב לב אין ארה"ק
אדער מזכיר צו זיין סיי וועלכע בקשה וואס די תשב"ר אין ארה"ק זאלן מתפלל זיין, רופט:
1877.YETEV LEV (938.3853)
בקודש חזיתיך

בריוו פון הרה"ח המפו' ר' שלמה גפן ז"ל דער דעמאָלסדיגער מנהל פון מוסדות יטב לב אין ניו יאָרק, אין וועלכן ער שרייבט, אַז ער האָט איבערגעשמועסט מיטן רבי'ן די הצעה פון עפענען אין ירושלים אַן אייגענע מיידל שולע. דער רבי האָט געהערט אַלע פרטים, און צום סוף האָט דער רבי באַשטימט אַז כדי צו עפענען אַן אייגענע מיידל שולע וויל ער האָבן מכתב אונטערגשריבן כתוב וחתום פון די מנהלים פון די ביז איצטיגע מיידל שולעס, אַז זיי זענען מסכים צום התייסדות פון א פרישע שולע.

עקסטער האָט ר' שלמה גפן ז"ל געשריבן פון זיך אַליינס, אַז זייענדיג דער וואָס טראָגט דעם עול פון די מוסדות אין ארץ ישראל, זעט ער אַז מאָמענטאַל האָט דער אָפיס אין ניו יאָרק נישט קיין שום מעגליכקייט מוסיף צו זיין אויף די תמיכה וואָס מען שיקט דאָהי. קוים קוים וואָס די הנהלה אין ניו יאָרק האָט די מעגליכקייט צו שיקן די חודש'ליכע תמיכות וואָס מען האָט זיך שוין אונטערגענומען ביז איצט, און זיכער אַז ס'איז נישט דאָ קיין מעגליכקייט צו נעמען אויף זיך פרישע התחייבות'ן, דעריבער זעט ער דערווייל נישט קיין מעגליכקייט וויאַזוי מען זאָל קענען עפענען א פרישן מוסד אין ירושלים.

## חכם עדיף מנביא

ווי נאָר די חברי הנהלה האָבן ערהאַלטן דעם רבי'נס בריוו געשריבן דורך ר' שלמה גפן, האָט ר' יחזקאל בראך ז"ל דערציילט איבער דעם פאר ר' יצחק שטערן ז"ל, און מאָמענטאַל האָט עס פאַרביידע אויסגעקוקט ווי ס'איז נאָך איינס פון די קלייניגקייטן וואָס מען דאַרף מסדר זיין... ר' יחזקאל בראך איז געווען איבערגעצייגט, אַז אין ניו יאָרק קוקט מען אויף די נייע שולע מיט אַנדערע ברילן. זייענדיג פונדערווייטענס זעט מען דאָרט נישט גענוג איין דעם געוואַלדיגן נחיצות פון עפענען אַן אייגענע שולע, און ווי זיי האָבן דאָס אָנגעקוקט, האָט מען פאַר'ן רבי'ן אַראָפּגעלייגט א מצב, ווי עס וועט אַצינד ווערן א שטאַרקער ריס צווישן סאַטמאַר און די מנהלים פון די פריערדיגע מיידל שולעס, וואָס דעריבער פאָדערט דער רבי אַז די מנהלים זאלן באַשטעטיגן מיט זייער חתימה, אַז זיי זענען מסכים צום ערעפענונג פון די נייע שולע.

ר' יחזקאל האָט צוגעלייגט אַז במציאות רעדט מען וואַרשיינליך בלויז פון א קלייניגקייט, נאָכדעם וואָס מען האָט דאָך שוין קלאָר געהערט פון דעם דערמאַנטן סאַטמאַרער עסקן וואָס האָט באַקומען די פולסטע הסכמה פון די מנהלים פון די אַנדערע שולעס צום התייסדות פון די נייע שולע.

איצט האָט ר' יחזקאל זיך שוין אַליינס געוואָנדן צו דעם סאַטמאַרער עסקן, און אים געבעטן אַז ער זאָל זען צו באַקומען אַזאַ בריוו פון דעם מנהל, אין וועלכן ער זאָל אָפּשרייבן בכתב ידו דאָס וואָס ער האָט שוין געזאָגט בעל פה, אַז ער גיט זיין פולסטע צושטימונג צום עפענונג פון די נייע שולע, א זאַך וואָס איז אים אייגענטליך א געוואַלדיגע שמחה נאָכדעם ווי ער האָט שוין אַליינס געהאַט באַשטעטיגט אַז ער זעט איין דעם נחיצות דערפון, און ער האָט אים געבעטן אַז ער זאָל אויך אונטערשרייבן אויף דעם, וואָס אַזוי וועט מען קענען גיין ווייטער מיט די פלענער פון די נייע שולע.

אָבער דאָ האָט זיך אַרויסגעשטעלט דער "חכם עדיף מנביא" ווי מרן רביה"ק זי"ע האָט אַזוי טיף אַרויסגעהאַט אַן ענין, נאָכדעם וואָס דער דערמאַנטער עסקן איז קורץ דערנאָך צוריקגעקומען מיט אַנטוואָרט אַז ס'איז נישט דאָ קיין מעגליכקייט צו באַקומען אַזאַ בריוו. ריכטיג עס איז דאָ א פולקאָמע הסכמה און פאַרשטענדעניש צום התייסדות פון די נייע שולע, אָבער צוליב וואָס פעלט בכלל אויס א בריוו, ביי וועמען עס איז דאָ טראָסט גלייבט אויך אויפן ווארט, און עס פעלט נישט אויס אַז ער זאָל דאָס אונטערשרייבן בחתימת היד.

עס איז געווען א וואונדער פאר די עסקנים וואָס ס'איז אַזוי שווער צו שרייבן אַפּאָר ווערטער אין א בריוו, און וויסענדיג אַז אין די פאָר שורות בכתב איז תלוי דער התייסדות פון די פרישע מיידל שולע. דעריבער האָט הר"ר יצחק זיך גענומען דעם קוראַזש און איז אַליינס איבער צו די מנהלים פון די מיידל שולעס דאָס איבערצושמועסן מיט זיי.

ביים דאָס איבערשמועסן האָט ר' יצחק געהערט פון דעם מנהל דאָס זעלבע, אַז ער איז מסכים דערצו בחפץ לב, אדרבה עס וועט אים זיין א טובת הנאה, ווען אַנדערע וואָס וועלן זיך אָפּגעבן מיטן פירן א מיידל שולע וועלן אַליינס מיטהאַלטן די שוועריגקייטן דערפון, צוליב וואָס אַנדערש ווי ביי א ישיבה אָדער תלמוד תורה וואָס מען האָט שוין אַזויפיל יאָרן א מהלך וואָס צו לערנען מיט די תלמידים, און עס איז דאָ אַסאַך וואָס צו לערנען, חומש רש"י, גמרא תוספות און נאָך, איז דאָס אַנדערש ביי א מיידל שולע, אויף וועלכן עס איז נישט געווען קיין מהלך ביז דעמאָלט, מען דאַרף מסדר זיין א געהעריגן סדר הלימוד וואָס צו לערנען מיט די תלמידות, וואָס דאָס ברענגט נאַטורליך אַז טייל האָבן טענות.

יעדער פון די עלטערן האָט א דעה, דאָס וואָס דער האַלט אַז עס איז ריכטיג צו לערנען, האַלט דער אַנדערער אַז מען טאָר נישט לערנען. טייל טענה'ן אַז מען לערנט מיט די תלמידות צו ווייניג פון די הלכות און ענינים וואָס מען וואָלט געמעגט לערנען מיט זיי, דאַקעגן אַנדערע טענה'ן פאַרקערט אַז מען לערנט צו סאַך, און אַז די מאַמעס און באַבעס פון די תלמידות האָבן נישט געוואוסט ניטאַמאָל א פערטל פון די הלכות און ענינים וואָס מען לערנט אין שולע און דאָך זענען די מאַמעס און באַבעס געווען פיל ערליכער און שטערקערע יראי ה', וחוזר חלילה מיט טענות ומענות וואָס עס שטייען אַלס אויס די מנהלים פון די ערליכע מיידל שולעס. דעריבער וועט זיין א געווינס אַז עס וועלן צוקומען נאָך ערליכע מיידל שולעס, וואָס אַזוי וועלן נאָך אידן מיטהאַלטן די אייגנאַרטיגע שוועריגקייטן מיט וואָס דאָס איז פאַרבינדן.

הר"ר יצחק האָט צוגעשטימט דערצו, און ער האָט נאָך צוגעלייגט אַז אין פאַל עס עפענען זיך פרישע בתי חינוך וועט יעדע בית חינוך האָבן איר אייגענעם מהלך און אירע אייגענע סדרי הלימוד, וואָס דאָס אַליינס וועט שוין פאַרגרינגערן פאר די מנהלים פון אַלע שולעס, נאָכדעם וואָס עלטערן וועלן האָבן א מעגליכקייט אַליינס אויסצוקלויבן די שולע וואו מען וויל אַז די קינדער זאלן לערנען, און אויטאָמאַטיש וועלן אַוועקפאַלן די טענות וואָס עלטערן האָבן אויף די מנהלים.

דער מנהל האָט טאַקע צוגעשטימט דערצו אַז דאָס אַליינס וועט ברענגן א שטאַרקע טובה פאר אַלע מיידל שולעס, אָבער ווען עס געקומען צו דעם פונקט אַז מען זאָל דאָס אָפּשרייבן בכתב מיט א חתימה, איז עס געבליבן ביים אַלטן. וויפיל הר"ר יצחק האָט פרובירט איינצו'טענה'ן אַז נאָר צוליב דעם וואָס דער רבי געפונט זיך פונדערווייטנס וויל ער זיין זיכער אַז דאָס וואָס די הנהלה אין ירושלים שרייבט אים איז ריכטיג, און נאָר צוליב דעם וויל ער דאָס זען אונטערגעשריבן בחתימת היד, האָט דאָס נישט געהאָלפן, און מען האָט נישט געקענט באַקומען קיין חתימה איבער דעם נושא.

אַזוי האָט מען דעמאָלט נישט געזען קיין וועג, וויאַזוי צו גיין פאָראויס מיט דעם נושא, ווי מיר וועלן אי"ה שילדערן אין קומענדיגן אַרטיקל.

פאָרזעצונג קומט אי"ה.


בקודש חזיתיך
צו געבן אייער 'הארציגע נדבה'
פאר די מוסדות יטב לב אין ארה"ק
אדער מזכיר צו זיין סיי וועלכע בקשה וואס די תשב"ר אין ארה"ק זאלן מתפלל זיין, רופט:
1877.YETEV LEV (938.3853)



תלמידים דערציילן

# בזכרינו את ציון

נכבדי אנ"ש תלמידים מימי קדם במוסדות יטב לב בארה"ק דערציילן זייערע זכרונות פון די בראשית יארן אין מוסדות יטב לב, און איבער דאס לעבן און שאפן פון אנ"ש תושבי ארה"ק בימים ההם

3

## הרה"ג ר' יקותיאל יצחק בראך שליט"א

אב"ד אפסי ארץ נאנאש, ומנה"ר במוסדותינו הק' בני ברק

**פאָרוואָרט: אין א תקופה ווען עלטערן זענען צוגעוואוינט אַז די קינדער קומען וועכנטליך אַהיים פון חדר מיט גאַנצע ביכלעך, מיט דברי תורה, סיפורי צדיקים און נאָך, וועט זיין אינטערעסאַנט זיך צו דערוויסן אַז דאָס קומט ווייט נישט נאַטורליך אַזוי... און עס איז דאָ איינער וועמען עס איז צו פאַרדאַנקן דעם קורת רוח ברוחנית ובגשמיות וואָס די עלטערן געניסן ביז צום היינטיגן טאָג.**

**די מיטליעריגע בעלי בתים געדענקן וואַרשיינליך די תקופה ווען קינדער האָבן שוין יאָ וואך אַהיימגעטראָגן פון חדר איין תורה-צעטל, בעת די עלטערע געדענקן געוויס בכלל נישט פון אַזאַ זאַך, אַז מען זאָל אַהיימטראָגן פון חדר סיי וועלכע צעטל, סיידן אַמאָל א צעטל פונעם מלמד אַז ער וויל וויכטיג רעדן מיטן טאַטן...**

**דער ענערגישער מחנך ומנה"ר הרה"ג רבי אורי שוואַרץ ז"ל איז אים צו פאַרדאַנקן די הויפנס מיט ידיעות וואָס די קינדער (און עלטערן אויך...) האָבן זיך שוין איינגעקויפט דורך די הונדערטער טויזנטער תורה-בלעטער וואָס זענען שוין ערשינען און ערשיינען כסדר, וואָס ווערט אַהיימגעברענגט דורך קינדער מדי שבוע בשבוע.**

**איבער דעם גיבן מיר ווייטער איבער דאָס וואָרט פאר הרה"ג רבי יקותיאל יצחק (בן אסתר) בראך שליט"א (לרפו"ש) וואָס ער דערציילט איבער דעם:**

## עורי שיר דברו

ווי איך האָב שוין אַרויסגעברענגט, האָט הר"ר אורי ז"ל אַלץ געזוכט אַז יעדע זאַך זאָל זיין אַהערגעשטעלט פאר די תלמידים מיטן גאַנצן שלימות, און דאָס האָט אים געשטופּט דורכצופירן פאַרשידענע אונטערנעמונגען וואָס אַנדערע האָבן זיך נישט גענומען דערצו, צוליב סיי וועלכע סיבה עס זאל נאָר זיין.

פאר הר"ר אורי ז"ל איז שטאַרק געגאַנגען בנפשו צו הייבן דעם ניוואָ, נישט נאָר פון די תלמוד תורה, נאָר אויך פון די גאַנצע קהלה אין בני ברק, מיט וואָס ער האָט בעזהשי"ת שטאַרק מצליח געווען, ווי עס וועט בעזהשי"ת נאָך אויסקומען צו דערציילן. צווישן אַנדערן האָט ער מצליח געווען שטאַרק צו הייבן דעם ניוואָ פון די שבת'דיגע סעודות אין די הייזער פון אנ"ש, וואס ווי שוין אַביסל דערציילט, האָט הר"ר אורי ז"ל אַריינגעלייגט שטאַרקע כוחות אויסצולערנען פאר די קינדער די אַמאָליגע אָרגינעלע סאַטמאַרער ניגונים, וואָס דאָס אַליינס האָט שטאַרק געהויבן דעם גייסט ביים ציבור.

פון איין זייט האָט ער מצליח געווען אַריינצוברענגען א געוואַלדיגן גייסט פון "חזרת הלימודים" צווישן די תלמידים, א זאַך צו וואָס איך וועל האָפנטליך, נאָך שפּעטער צוריקקומען. אָבער דאך האָט ער געטראָפן צייט אויך אויסצולערנען די קינדער דעם טעם פון "נגינה" סיי וויאַזוי צו זינגן און סיי וואָס צו זינגן.

יעדן פרייטאָג פאַרמיטאָג האָט ער מקדיש געווען די צייט אויף צו לערנען מיט די קינדער פאַרשידענע פאַרצייטישע ניגונים. ער האָט דאָס אַליינס געלערנט מיט די קינדער, און ער האָט זיך גענומען צוהילף צוויי חשוב'ע מלמדים אין די תלמוד תורה וואָס פאשטייען גוט צו נגינה, ה"ה הרה"ח ר' ישראל ניילענדער שליט"א און הר"ר מנשה קליין שליט"א (וועלכער דינט נאָך אַלס מלמד ביז צום היינטיגן טאָג), וואָס די צוויי האָבן אים אַרויסגעהאָלפן מיט דעם הינזיכט, אויסצולערנען די קינדער זינגן.

## דבר דבור על אופניו

מיט זיין געניטן חוש האָט הר"ר אורי ז"ל גענומען די אַלע באַקאַנטע סאַטמאַרער ניגונים און ער האָט דאָס אַרויפגעזעצט אויף די ווערטער פון די זמירות וואָס מען זינגט דערמיט. דעם שלום עליכם ניגון האָט ער הערליך ארויפגעפאסט אויף גאַנץ "שלום עליכם" דעם אשת חיל ניגון אויף די ווערטער פון "אשת חיל" א. א. וו. יעדן ניגון ארויפגעפאסט אויף די ווערטער פון דעם זמר.

אַזוי האָבן די קינדער זיך אויסגעלערנט נישט בלויז די ניגונים, נאָר אויך וויאַזוי צו זינגן די ניגונים אַז עס זאָל האָבן א טעם און א געשמאַק. אַז מען זינגט א ניגון און מען קען נישט געהעריג זעצן די ווערטער, קען

עס ווערן צופאָרן און עס פאַרלירט דעם טעם. אָבער אַזוי האָבן די ניגונים געהאַט דעם ריכטיגן טעם, און מען האָט געשפּירט א געשמאַק דאָס צו זינגן.

אַזוי האָבן די קינדער זיך גוט אויסגעלערנט די ניגונים, און האָבן דאָס אָנגעהויבן צו זינגן אינדערהיים ביי די סעודות. א גרויסער צאָל עלטערן וואָס האָבן נישט געהאַט קיין ספּעציעלע מסורה וויאַזוי צו זינגן די זמירות ביי די סעודה, ובפרט די זמירות פאר קידוש, ווי "שלום עליכם" "אשת חיל" וכו', האָבן צוביסלעך אָנגעהויבן צו שפּירן דעם געשמאַק און התרגשות פון די וואַרעמע ניגונים וואָס מ'האָט געזינגן ביי די הייליגע טישן פון מרן רביה"ק זי"ע, מען האָט דאָס אָנגעהויבן צו זינגן, און צוביסלעך האָט די גאַנצע סעודה באַקומען אן אַנדערע צורה און אויסזען.

אין ניו יאָרק זענען די סאַטמאַרער ניגונים אויף שלום עליכם און נאָך, שוין געווען גוט צושפּרייט, נאָכדעם וואָס מ'האָט זיך כסדר מסתופף געווען בצל קדשו פון רבי'ן זי"ע, מ'האָט מיטגעהאַלטן די טישן, און אַזוי איז מען געווען רגיל מיט די ניגונים. אָבער אנ"ש אין ארץ ישראל וואָס האָבן ווייניג געהאַט די געלעגענהייט זיך מסתופף צו זיין בצל הקודש, זענען נישט געווען רגיל מיט די ניגונים. האָט מען געזינגן ניגונים וואָס מען האָט געקענט, אָפטמאָל פאַרשלאָפענע, און צומאָל מער אַזאַ סאָרט נוסח ווי א ניגון... אָבער אַז די קינדער האָבן שוין געקענט די ניגונים, האָבן די עלטערן זיך צוגעכאַפּט דערצו, און אַזוי האָט הר"ר אורי אומדירעקט משפּיע געווען באין אומר ואין דברים, אַריינצוברענגען דעם וואַרעמען סאַטמאַרער גייסט ביים ציבור אנ"ש תושבי בני ברק.


משה טייטלבוים
אבד"ק סיגעט
ברוקלין, נ. י. יצ"ו

MOSES TEITELBAUM
RABBI OF SIGET
1511 - 50TH STREET
BROOKLYN, N.Y. 11219
TEL. 851-9307-8

**בריוו פון רבי'ן הברך משה זי"ע א קורצע צייט נאכ'ן איבערנעמען דעם כס ההנהגה, געשריבן צו הר"ר אורי שווארץ ז"ל אלס מנהל הת"ת אין בני ברק, ווי דער רבי האט געשיקט געלט אויסצוטיילן פאר די מלמדים אין די ת"ת**

אין לעקסיקאָן פון הר"ר אורי נישט עקזעסטירט אַזאַ באַגריף ווי "אַמאָל יאָ, אַמאָל נישט"... אויב עס איז א גוטע זאַך, און עס איז א תועלת פאר די קינדער, פאַרוואָס דאָס נישט איינפירן בקביעות, אַז די קינדער זאלן טאַקע יעדע וואָך קענען נאָכזאָגן א דבר תורה פאר די עלטערן?.

אָבער זעענדיג ווי אַזוי עס לויפט, אַז אויב איז נישט איינגעשטעלט קיין געהעריגער סדר, ברענגט עס אַז מען זאָל נישט לערנען בקביעות מיט די קינדער אַז מען זאָל נאָכזאָגן א דבר תורה, איז ער דעריבער אויפגעקומען מיט דעם רעיון, אַהערצושטעלן וועכנטליך א "תורה צעטל" פאר די קינדער, מיט געקליבענע דברי תורה פון מרן רביה"ק זי"ע, וואָס דאָס זאָלן די מלמדים האָבן די געלעגענהייט נאָכצוזאָגן פאר די תלמידים, און בעיקר אַז די תלמידים זאלן אַליינס קענען נאָכקוקן און נאָכזאָגן די דברי תורה וואָס איז ערשינען אויף דעם בלעטל געשריבן אויף א לייכטן אופן, אַז עס זאָל זיין שוה לכל נפש.

## תורה הוא וללמוד צריך

און אַז מען האָט שוין געזינגן די סאַטמאַרער ניגונים, האָט דאָס אַליינס שוין געהויבן דעם גייסט ביי די סעודות. אָבער עקסטער האָט הר"ר אורי ז"ל זוכה געווען מענג צו זיין את השבת אין די הייזער פון אנ"ש מיטן ריכטיגן "עונג שבת" ווען די עלטערן האָבן ביי די סעודות געהערט די הערליכע דברי תורה וואָס די קינדער האָבן געוואוסט איבערצוזאָגן ביי די סעודות.

אין די פריערדיגע יאָרן פלעגן אויך די מלמדים צומאָל אויסלערנען די קינדער א דבר תורה, וואָס די קינדער האָבן אָדער יאָ אָדער נישט איבערגעזאָגט פאר די עלטערן. אָבער ס'איז נישט געווען מיט קיין קביעות, און מען האָט קיינעם נישט געצוואונגען דערצו... די מלמדים האָבן אַמאָל יאָ און אַמאָל נישט געזאָגט קיין דברי תורה פאר די תלמידים. אַזוי האָבן די עלטערן נישט געוואוסט צו ערוואַרטן און צו בעטן פון די קינדער אַז מען זאָל עפּעס נאָכזאָגן ביים טיש, אַזוי אַז אפילו ווען די מלמדים האָבן שוין יאָ געזאָגט א דבר תורה, האָבן די קינדער נישט געשפּירט קיין פליכט דאָס איבערצוזאָגן ביי די סעודות.

צילנדיג – ווי דערמאַנט – אַז יעדע זאַך זאָל זיין מיט א שלימות, האָט

## דבר ה' אשר הי' אל יואל

כדרכו האָט ער דערמיט דערגרייכט עטליכע צילן אויפאַמאָל... קודם איז עס – ווי דערמאַנט – געווען זיין הויפּט-ציל, אַז די קינדער זאלן בכלל זיך מרגיל צו זיין נאָכצוזאָגן יעדע וואָך א דבר תורה ביים טיש. דערצו האָט הר"ר אורי ז"ל געברענגט די דברי תורה בעיקר מבאר תורתו פון מרן רביה"ק זי"ע, וואָס ער האָט דערמיט אַריינגעברענגט אין די הערצער פון די תלמידים און פון זייערע עלטערן, דעם געוואַלדיגן שיינקייט וואָס עס ליגט אַלס אין די דברות קודש פון רבי'ן זי"ע.

ער האָט אָפטמאָל אויך אַריינגעלייגט קנאות'דיגע תורות, באַזירט אויף די הייליגע און ערליכע שיטה פון מרן רביה"ק זי"ע. אָבער ער האָט נישט געלייגט דעם דגוש דייקא אויף די תורות. ער האָט אויף יעדע וואָך צוזאַמגענומען א פיר פינף קורצע דברי תורה, וואָס ער האָט אַרויסגעשעפּט פון די לענגערע דרושים פון רבי'ן זי"ע, דאָס האָט ער קלאָר אָפּגעשריבן אַז די תלמידים זאלן סוף וואָך דאָס קענען נאָכזאָגן פאר די עלטערן.

וויפיל איך קלער אַריין אין דעם, איז עס מיר נאָך ביז היינט א שטאַרקער וואונדער. ווען הר"ר אורי האָט אָנגעהויבן מיט דעם פּראָיעקט, זענען נאָך די תורות פון רבי'ן נאָכנישט געווען געדרוקט געהעריג. די ערשטע בענדער פונעם ספה"ק דברי יואל זענען ערשינען ערשט אין די צווייטע העלפט פון די תש"ל יאָרן, און ערשט אָנהייב מ' יאָרן איז ערשינען דער לעצטער באַנד פון דעם ספר על התורה. דאָס ביסל וואָס ס'איז געווען, זענען געווען די בענדער חידושי תורה (באַקאַנט ביים ציבור אַלס "שוואַרצע בענדער" צוליב וואָס ס'איז געווען געדרוקט אין א שוואַרצן באַנד.) און די געטייפּטע דברי תורה וואָס איז אַרויסגעקומען פון יעדעס יאָר עקסטער.

וויאַזוי הר"ר אורי האָט מצליח געווען צו טרעפן אַזאַ גרויסן אוצר פון הערליכע פנינים מדי שבוע בשבוע, איז שוין א חידוש. ער האָט דאָך דאָס געשריבן און אַרויסגעגעבן פאר יונגע קינדער. ס'איז בכלל נישט


בקודש חזיתיך
צו געבן אייער 'הארציגע נדבה'
פאר די מוסדות יטב לב אין ארה"ק
אדער מזכיר צו זיין סיי וועלכע בקשה וואס די תשב"ר אין ארה"ק זאלן מתפלל זיין, רופט:
1877.YETEV LEV (938.3853)

שייך געווען צו שרייבן לענגערע דברי תורה, און ער האָט נאָר געקענט לייגן קורצע ענינים וואָס איז לייכט צו פאַרשטיין, און טראָץ די ענגע מעגליכקייט, ווען דעם רבי'נס דברי תורה זענען נאָך רובם ככולם געווען בכתב יד, האָט ער מצליח געווען צו טרעפן אַזעלכע שיינע ענינים, בליציגע געדאַנקן פונעם רבי'נס הייליגע תורות.

היינט איז שוין אן אַנדערע וועלט. אויסער וואָס די ספרי קודש "דברי יואל" באַשיינען די הייזער און בתי מדרשים פון אנ"ש און פון אידן איבער דער גאָרער וועלט, וועלכע קלאַמערן זיך צו לערנען דעם רבי'נס תורות, זענען אויך די אַנדערע ספרים וואָס זענען ערשינען במשך די יאָרן, די חידושי תורה "דינער תורות" און אַזוי נאָך, ובפרט די בענדער פון די ספרים "קדושת יואל"[1] אַרויסגעגעבן דורך ידידי הרה"ג רבי שמואל עקשטיין שליט"א פון קרית יואל, פאר וועמען איך און נאָך אַזויפיל טויזנטער אַנדערע אנ"ש האָבן אַזאַ שטאַרקן הכרת הטוב, איבערצוגעבן פאַר'ן ציבור אַזאַ הערליכע מתנה, מיט אַזאַ לייכטע מעגליכקייט צו טרעפן קורצע פנינים פונעם רבי'נס בליציגע געדאַנקן אויף די פרשיות השבוע, וואָס ווערט טאַקע געלערנט מיט דורשט דורך אלפי אנ"ש אומעטום.

דאָס זעלבע טאַקע די חידושי תורה "דינער תורות"[2] וואָס איז ערשינען דורך הנהלת מוסדות קרית יואל, ובפרט דורך דעם איש המעש הרה"ח ר' דוד אהרן לאָנדאָ שליט"א, וואָס האָט אַזוי שטאַרק עושה רושם געווען ביים ציבור. עס האָט זיך דערין געטראָפן א פרישער קוואַל פון מורא'דיגע חידושים פון רבי'ן זי"ע, מיט אַזאַ קלאָרן מהלך איבער דעם חיוב החזקת התורה וואָס ליגט אויף יעדן איינעם. אָפטמאָל ווען עס איז אויסגעקומען צו רעדן ציבור ביי דינערס און מסיבות, אָדער אפילו ביי אַנדערע געלעגנהייט, שמחות אין די משפחה וכדומה, זענען די בענדער "חידושי תורה" דינער-תורות פון רבי'ן געווען דער מקור אויף פילצאָליגע ענינים וואָס מ'האָט נאָכגעזאָגט, און דאָס זעלבע האָב איך געהערט פון אַנדערע דרשנים, ביי וועמען די דאָזיגע ספרים גייען נישט אַראָפ פון טיש.

## דלה דלה והשקה

עכ"פ איך בין פאַרקראָכן. איך קום צוריק צו הר"ר אורי ז"ל וואָס האָט מיט זיין גענִיטן חוש מצליח געווען צו טרעפן אַזעלכע פנינים יקרים פון רבי'נס הייליגע מאמרים. איך דערמאַן זיך לדוגמא איין דבר תורה, וואָס הר"ר אורי ז"ל האָט זוכה געווען צו זיין דער וואָס האָט דאָס צושפּרייט ביים ציבור. היינט עס איז שוין געוויס געדרוקט אין רבי'נס הייליגע ספרים, אָבער אין די תקופה ווען הר"ר אורי האָט אַרויסגעגעבן זיינע תורה בלעטלעך, איז דאָס נאָכנישט געווען געדרוקט אינערגעץ. איך געדענק נאָך ווי בשעת מעשה ווען איך האָב דאָס געזען צום ערשטן מאָל בין איך ממש געשפּרונגען פון דעם בליציגן רעיון, און שפּעטער ווען אימער עס איז מיר אויסגעקומען דאָס איבערצוזאָגן סיי ברבים און סיי ביחידות האָב איך געזען ווי יעדער וואָס האָט דאָס געהערט צום ערשטן מאָל איז ממש געשפּרונגען פון אַזאַ כאַפּ וואָס דער רבי האָט מחדש געווען.

דער רבי האָט זיך געשטעלט אויף די פּסוקים פון "ווידוי מעשר" אין פּרשת כי תבא, אַז יעדע עטליכע יאָר האָט מען געדאַרפט זאָגן די פּסוקים דאָרט, וואָס עס שטייט דאָרט אַז מען האָט געגעבן מעשר, און אַז מען האָט זיך געפירט מיט די מעשר מיט איר קדושה וואָס די תורה האָט געהייסן. איז דאָך באַקאַנט די וועלטס-קשיא, פאַרוואָס הייסט דאָס "ווידוי מעשר". ווידוי איז פּשט אַז איינער האָט געטון עפּעס א זאַך וואָס איז נישט אויסגעהאַלטן, איז ער זיך מתוודה אויף דעם וואָס ער האָט געטון. דאָ ביי די פּסוקים פון ווידוי מעשר זאָגט מען דאָך נאָר דאָס, אַז מען האָט געטון אַלעס וואָס מען איז מחיוב על פי תורה, נו האָט מען דאָך גוט געטון, ווי פּאַסט אויף דעם דעם לשון "ווידוי"?.

דאָס איז א באַקאַנטע קשיא וואָס די ראשונים פרעגן נאָך, און יעדער מוטשעט זיך דאָס צו פאַרענטפערן. האָט דער רבי דאָס פאַרענטפערט מיט א וואָרט פון הייליגן באַרדיטשובער רב בעל קדושת לוי זי"ע, וואָס מ'זאָגט אויך נאָך פון אַנדערע צדיקים אויף דעם וואָס מען זאָגט ראש השנה ביים דאַווענען "כי זוכר כל הנשכחות אתה". השי"ת איז "זוכר הנשכחות" זאָגט אַז פּשט איז, אַז דער אויבערשטער געדענקט דאָס וואָס א איד פאַרגעסט. א איד וואָס פאַרגעסט פון די תורה ומצוות וואָס ער האָט געטון, ער האַלט זיך נישט גרויס דערמיט, און ווי נאָר ער האָט דאָס געטון פאַרגעסט ער שוין דערפון, ביי אַזאַ איינעם געדענקט דאָס דער אויבערשטער, און לייגט דאָס אים אַוועק אויף יענע וועלט. אַנדערש איז ווען עס איז חלילה פאַרקערט, ווען איינער טוט אן עבירה, דאָס דאַרף מען דאָך געדענקען, מ'דאַרף דאָס האַלטן פאַר די אויגן כדי אַז מען זאָל תשובה טון דערויף. איז ווען איינער טוט אַזוי, ער געדענקט די עבירות וואָס ער האָט געטון, דאַן פאַרגעסט מען אין הימל דערפון, ווייל דער איד טוט דאך תשובה און די עוונות ווערן אויסגעמעקט. וכמובן אַז דאָס מהיפך להיפך, ווען איינער געדענקט זיינע מצוות געדענקט מען נישט דערפון אין הימל, און ווען איינער פאַרגעסט ח"ו זיינע עבירות, פאַרגעסט מען דערפון אין הימל.

אַזוי האָט דער רבי נאָכגעזאָגט פון באַרדיטשובער רב זי"ע בעל קדושת לוי. (איך האָב אַלץ געדענקט אַז דאָס וואָרט קומט פון הרה"ק רבי יצחק אייזיק מזידיטשוב זי"ע, אָבער איך האָב שפּעטער געזען אַז מען ברענגט עס צו פון אַנדערע אויך.)

האָט דער רבי געזאָגט, אַז ביי ווידוי מעשר זאָגט מען אינמיטן די ווערטער "לא עברתי ממצותיך ולא שכחתי". פּשט איז, אַז דער מענטש רעדט זיך אָפּ, איך דערצייל דאָ איבער דעם מעשר וואָס איך האָב געגעבן, איז דער מענטש זיך מתוודה "ולא שכחתי" כ'האָב נישט פאַרגעסן דערפון, ווייל די מדה פון אַן ערליכער איד איז, אַז מען זאָל יאָ פאַרגעסן פון די מצוות ומעשים טובים וואָס מען האָט געטון. און טאַקע וועגן דעם הייסט

1. די ספרים "קדושת יואל" על התורה זענען גוט באַקאַנט צווישן אנ"ש און צווישן אידן פון אַלע קרייזן איבער דער גאָרער וועלט, ווען דער חשוב'ער מו"ל הרה"ג רבי שמואל עקשטיין שליט"א צוזאַמען מיט די סטעף פון חשוב'ע תלמידי חכמים האָבן אַהערגעשטעלט א תורה שלימה פון די דברות קודש פון מרן רביה"ק זי"ע, מברר צו זיין "אוכל מתוך אוכל" מסדר צו זיין א צאָל קלענערע דרושים פון די לענגערע דרושים וואָס איז געדרוקט אין די ספרי קודש דברי יואל און אין אַנדערע ספרים, און עקסטער יעדע וואָך אַן אוצר פון פנינים יקרים, וואָס איז אַזוי שטאַרק אויפגעכאַפּט געוואָרן צווישן רבים וכן שלמים, ביי וועמען עס האָט זיך געעפענט א נייער אור אין די ווערטער פון רבי'ן וואָס איז ביז היינט געווען באַהאַלטן אין די לענגערע דרושים פון די ספרי קודש דברי יואל.

2. די חידושי תורה "דינער תורות" איז אַרויסגעגעבן דורך די געטרייע חברי הנהלה פון די מוסדות הק' בקרית יואל אָנגעפירט דורך הרה"ח ר' דוד אהרן לאָנדאָ שליט"א, זייענדיג בשעתו דער ערשטער ספר פון רבי'ן וואָס איז ערשינען אָפּגעדרוקט אויף א געהעריגן פאָרמאַט, דעם גאַנצן סגנון פון די דרושים וואָס דער רבי האָט משמיע געווען בשעת'ן עס זאָגן ביי די מסיבות לטובת המוסדות. מיט אַריבער דרייסיג יאָר צוריק ווען דער ספר איז צום ערשטן מאָל ערשינען לאור עולם, האָט עס צום ערשטן מאָל געגעבן פאַר'ן יונגערן דור דעם באַגריף וויאַזוי עס האָט אַמאָל אויסגעזען די דינערס לטובת די הייליגע מוסדות בכלל, ובפרט די דינערס לטובת אונזערע הייליגע מוסדות "יטב לב בארה"ק" וואָס אַנדערש ווי ביי די דרושים וואָס דער רבי האָט משמיע געווען במשך דעם יום השבת אָדער ימים טובים, איז דעם רבי'נס סגנון ביי די דינערס און מסיבות געווען גאַנץ אַנדערש. דער רבי האָט מאריך געווען מיט הערליכע דרושים איבער דעם נושא פון די מסיבה, און גלייכצייטיג זיך ווי אויסגעשמועסט מיטן עולם איבער דעם מצב העולם בכלל, ובפרט דעם מצב פון די מוסדות, וואָס דאָס ברענגט דעם פליכט אַז יעדער זאָל שטיצן און מחזק זיין די הייליגע מוסדות.

די אַלע שמועסן וואָס איז אַריינגעקומען בדרך אגב אין די תורות בשעת די דינערס, האָט מען געוויס נישט אַריינגעדרוקט אין די בענדער דברי יואל, און אין די בענדער פון די דינער תורות איז עס אָפּגעשריבן באריכות כמעט בלשונו פונעם רבי'ן, וואָס ווען מען לערנט דאָס דורך, טרעפט מען זיך אָן מיט אומצאָליגע טייערע פּערל-ווערטער, אוצרות פון פנינים יקרים וואָס וואַרפט א פרישן שיין אויפ'ן רבי'נס מהלך המחשבה, זיין טיפן און הייליגן בליק אויף יעדן ענין, וואָס איז קילורין לעינים ביז צום היינטיגן טאָג.

די בענער חידושי תורה דינער תורות, זענען שוין עטליכע מאָל איבערגעדרוקט געוואָרן, און עטליכע יאָר צוריק איז צוגעלייגט געוואָרן נאָך אומגעפער פערציג דרשות וואָס מען האָט שפּעטער געטראָפן במשך השנים, זייענדיג אַלעס צוזאַמען נכסי צאן ברזל ביי אנ"ש, מיט אַזויפיל פילצאָליגע יסודות וואָס זענען צושפּרייט און צוזייט איבער דעם גאַנצן ספר.

דאָס "ווידוי מעשר" ווייל דער מענטש איז זיך מתוודה אויף דעם וואָס ער פאַרגעסט נישט, און ער געדענקט אַלעס.

דאָס איז עפּעס א הפלא'דיגער חידוש פון רבי'ן וואָס הר"ר אורי ז"ל איז געווען דער וואָס האָט מגלה געווען דעם אוצר טוב אין זיינע תורה בלעטלעך. ווען איך האָב אין א שפּעטערע געלעגענהייט אַמאָל גערעדט מיט הר"ר אורי ז"ל האָט ער מיר דערציילט, וואָס עס האָט דערציילט כ"ק אדמו"ר מוויזשניץ-מאָנסי זצ"ל, אַז ביי א געלעגענהייט ווען מרן רביה"ק זי"ע האָט זיך געטראָפן מיט זיין זיידן הגה"ק בעל אהבת ישראל מוויזשניץ זצוק"ל, דעמאָלט האָט דער רבי אים געזאָגט דעם דבר תורה, און דער אהבת ישראל האָט דאָס מפליא געווען[3].

במשך די יאָרן האָב איך אָפּטמאָל זיך באַנוצט מיט דעם בליציגן רעיון פון רבי'ן זי"ע, און יעדעס מאָל עקסטער זענען אידן צוגעקומען זיך באַדאַנקען אויף דעם אוצר בלום. איך געדענק איינמאָל ווען עס מיר אויסגעקומען צו רעדן אין באָראָ פּאַרק ביי א מסיבה לטובת מוסדות יטב לב בארה"ק, האָב איך דאָרט נאָכגעזאָגט די מימרא פון רבי'ן. עס האָט זיך דאָרט באַטייליגט ביי דעם מעמד מיין קרוב-משפחה כ"ק אדמו"ר מבורשטין שליט"א[4]. ער איז זייער נתרגש געוואָרן פון דעם וואָרט. האָט ער דעמאָלט געזאָגט אַז אין די נאָנטע צייט וועט פאָרקומען די מלוה מלכה לטובת בית מדרשו, וועט ער זיכער מאַכן נאָכצוזאָגן דעם וואָרט. ער וועט שוין זען אַז עס זאָל ערגעץ-וואו אַריינקומען אין זיין דרשה. ס'איז ביי אים געווען צו א טייערער אוצר אַז ער זאָל נישט דערמיט מזכה זיין אויך אַנדערע אידן.

עכ"פ דאָס איז איינס פון אַסאַך אַנדערע אַזעלכע מאמרים און תורות וואָס האָט הר"ר אורי ז"ל האָט זוכה געווען אַרויסצושעפּן מבאר תורתו פון מרן רביה"ק זי"ע, וואָס ער האָט דאָס מעלה געווען על הכתב, און דורך אים איז דאָס דאַן צום ערשטן מאָל צושפּרייט געוואָרן ביים ציבור, וזכה לזכות את הרבים אויף אַזאַ געוואַלדיגן פאַרנעם, וואָס איז אויסער דעם ציל וואָס ער האָט דערגרייכט אַז די קינדער זאלן האָבן פון וואָס נאָכצוזאָגן מאמרים און דברי תורה ביי די שבת'דיגע סעודות.

## המלמד תור"ה לעמו ישראל

דערצו האָט ער אין די בלעטער אויך אַריינגעלייגט דברי תורה פון אַנדערע ספרים, פון גדולי ישראל פון אונגאַרישן חדר, ובפרט פון די ספרי צדיקי בית סיגוט און נאָך, אשר מפיהם אנו חיים ביז צום היינטיגן טאָג. ער האָט געהאַט א חוש צו טרעפן בליציגע און הערליכע רעיונות, קורצע מאמרים וואָס ער האָט אָפּגעשריבן בכתב יושר, און אַזוי האָבן די קינדער געהאַט אַן אויסוואַל פון הערליכע מאמרים וואָס נאָכצוזאָגן פאַר די עלטערן.

נאָך שבת פלעגט הר"ר אורי ז"ל אויספרעגן די קינדער, צו מען האָט ביי די סעודה נאָכגעזאָגט א דבר תורה פאר די עלטערן. די קינדער האָבן זיך שוין נישט געקענט אַרויסדרייען אַז מען האָט נישט געהאַט וואָס נאָכצוזאָגן... אויב א קינד האָט געענטפערט אַז מען האָט נישט נאָכגעזאָגט, האָט ער פאָרגעהאַלטן דערויף און געפאָדערט אַז מען זאָל יאָ נאָכזאָגן. אַזוי האָבן די קינדער זיך איינגעוואוינט צוביסלעך נאָכצוזאָגן דברי תורה ביים טיש, און די שבת'דיגע סעודות האָבן באַקומען גאַנץ אַן אַנדערן טעם און צורה.

ווי זיין שטייגער אַלעמאָל האָט הר"ר אורי ז"ל געאַרבעט אויף אַלע פראָנטן... דער באַגריף פון "עצלות" האָט ווי נישט עקזעסטירט ביי אים, און אַז ער האָט עפּעס געזען פאר ריכטיג איז ער געגאַנגען דערמיט עד הסוף. כדי אַז די תורה בלעטער זאלן ברענגן דעם ריכטיגן תועלת, האָט ער דאָס אויך איבערגעגעבן פאר טייל פון די עלטערן פון די תלמידים, אַז זיי זאָלן זיך קענען פארקוקן די דברי תורה וואָס די קינדער וועלן איבערזאָגן, אַז די עלטערן זאלן זען וויאַזוי די קינדער זאָגן דאָס איבער, און אַז מען זאָל קענען פירן א תורה'דיגן שמועס מיט די קינדער בשעת די סעודה. אַזוי איז אים געגאַנגען בנפשו די הצלחה פון יעדן תלמיד און פון יעדן אונטערנעמונג עקסטער.

## בלשון צח ונקי

אויסער דעם האָט ער געהאַט מיט דעם נאָך א ציל. ער האָט אָפּגעשריבן די דברי תורה דייקא אויף לשון הקודש, מיטן ציל אַז די קינדער זאָלן זיך אויסלערנען צו ליינען פליסיג אויף לה"ק. כמובן אַז ער האָט דאָס געשריבן לויט די דרגא פון די תלמידים מיט א לייכטן לשון הקודש, אָבער ביסלעכווייז האָבן די קינדער זיך איינגעוואוינט צו ליינען א גוטן לה"ק, וואָס העלפט זיי אַזוי שטאַרק אַרויס אין די שפּעטערע יאָרן ווען מען דאַרף שוין לערנען שווערערע ענינים אין די ספרי קודש און נאָך.

אין דעם אַלעם האָט ער אַריינגעלייגט קאָפּ און מח וויאַזוי אַלעס מסדר צו זיין. ער האָט נישט סתם געגעבן א נעם שטיקל, געמאַכט א קאָפּיע אָדער געהייסן איינעם עס איבערשרייבן און פאַרטיג. ווי אין יעדע זאַך איז ער געווען אַריינגעטון אין דעם פראָיעקט בכל לב נפש. ער האָט אַליינס אָפּגעשריבן די דברי תורה, און האָט זיכער געמאַכט אַז עס איז געשריבן גענוג פאַרשטענדליך לויט די דרגה און הבנה פון די קינדער, אַלץ מיטן ציל פאַר די אויגן אַז עס זאָל ברענגן דעם ריכטיגן תועלת פאר די תלמידים, די מלמדים און פאר די עלטערן פון די קינדער.

אין יענע צייטן איז נאָכנישט געווען דער רחבת ווי היינט, און אַנדערש ווי היינט ווען יעדער תלמוד תורה בנין האָט עטליכע קאָפּיע מאַשינען, אויסער א צענטראַלע קאָפּיע-צימער וואָס שפּייען כסדר אויס טויזנטער

3. אין ספר אילנא דחיי (ח"א) ווערט געברענגט די זכרונות פונעם וויזשניצער רבי'ן זצ"ל. אין אָנהייב דערציילט ער דאָרט איבער דעם ידידות נאמנה וואָס האָט געהערשט צווישן זקינו הגה"ק בעל אהבת ישראל זצ"ל מיט מרן רביה"ק זי"ע. ער דערציילט אַז ווען אימער מרן רביה"ק איז געווען צוגאַסט אין גרויסוואַרדיין (וואו דער וויזשניצער רבי בעל אהבת ישראל האָט דאַן געוואוינט) האָט ער באַזוכט ביים אהבת ישראל, און דער אהבת ישראל האָט דערנאָך צוריק אָפּגעגעבן א באַזוך פאַר'ן רבי'ן.

דערציילט ער דאָרט, וואָס ער האָט מיטגעהאַלטן נאָך אין זיינע קינדער יאָרן, ווען מרן רביה"ק זי"ע האָט נאָך אַלס "קראָלער רב" באַזוכט אין גרויסוואַרדיין, און האָט אָפּגעשטאַט א ביקור נימוסין ביים זיידן דער אהבת ישראל זי"ע. זייענדיג דאַן נאָך יונג, האָט דער וויזשניצער רבי זצ"ל נישט געדענקט דעם שמועס וואָס האָט זיך פאַרצויגן צווישן דעם רבי'ן מיטן אהבת ישראל, אָבער אין די שפּעטערע יאָרן האָט דער אהבת ישראל איבערדערציילט פאַר'ן אייניקל דער וויזשניצער רבי זצ"ל דעם תוכן פון דעם שמועס, ובין הדברים האָט ער אים טאַקע איבערגעזאָגט דעם דערמאַנטן וואָרט פון רבי'ן אויפ'ן פסוק פון ווידוי מעשר.

מיר ברענגען דאָס בלשונו פונעם וויזשניצער רבי'ן ווי עס איז געדרוקט אין באילנא דחיי ח"א. נאָכדעם וואָס ער ברענגט דאָס וואָרט פונעם באַרדיטשובער רב אויפ'ן נוסח התפלה "כי זוכר כל הנשכחות אתה הוא מעולם" דערציילט דער וויזשניצער רבי:

"האָט מיר דער זיידע ז"ל דערציילט, אַז דער קראָלער רב (מרן רביה"ק זי"ע) האָט אים דערויף געזאָגט, אַז לויט דעם וואָרט פונעם הייליגן באַרדיטשובער רב זי"ע קען זיין אַז דאָס איז פשט אין די פרשה פון "ווידוי מעשר". לכאורה איז דאָך שווער, פאַרוואָס ווערט עס אָנגערופן "ווידוי". ווידוי איז דאָך טייטש אַז מען איז זיך מתוודה אויף נישט קיין גוטע זאַכן. און דאָ איז דאָך פאַרקערט, ער רעכנט אויס נאָר גוטע זאַכן, ווי "בערתי הקודש מן הבית" און "עשיתי ככל אשר צויתני". אויב אַזוי, וואָספאַראַ ווידוי איז דאָס?.

"נאָר פשט קען זיין אַזוי - האָט דער סאַטמאַרער רב ז"ל געזאָגט פאַר'ן זיידן ז"ל - אַז דער ווידוי איז אויף דעם וואָס מען זאָגט דאָרט "לא עברתי ממצותיך ולא שכחתי". פּשט איז, אַז איך האָב טאַקע געטון נאָר גוטס און מקיים געווען אַלע מצוות, אָבער "ולא שכחתי" איך האָב עס נישט תיכף פאַרגעסן. אויף דעם איז ער זיך מתוודה, פאַרוואָס ער האָט דאָס נישט פאַרגעסן, ווי דער באַרדיטשובער רב זאָגט, אַז ווען מען טוט א גוטע זאַך, דאַרף מען עס תיכף אינגאַנצן אַוועקמאַכן און פאַרגעסן. נישט אַז מען זאָל זיך גרויסהאַלטן דערמיט. צוליב דעם וואָס ער האָט דאָס יאָ געדענקט, און נישט מסיח דעת געווען דערפון, אויף דעם איז דער מענטש זיך מתוודה, און אויף דעם הייסט דאָס "ווידוי מעשר".

4. דער בורשטינער רבי שליט"א איז חתן כ"ק אדמו"ר מספינקא-ב"ב הגה"צ רבי משה אליקים בריעה כהנא זצ"ל דער ברודער פון הרה"צ רבי אלימלך כהנא זצ"ל מספינקא, שווער פונעם בעל מספר הרה"ג רבי יקותיאל יצחק שליט"א.ביידע זענען געווען קינדער פונעם ספינקער רבי'ן פון בני ברק הגה"ק רבי נחמן כהנא זצ"ל בעל שו"ת דעת כהן ועוד.



בקודש חזיתיך
צו געבן אייער 'הארציגע נדבה'
פאר די מוסדות יטב לב אין ארה"ק
אדער מזכיר צו זיין סיי וועלכע בקשה וואס די תשב"ר אין ארה"ק זאלן מתפלל זיין, רופט:
1877.YETEV LEV (938.3853)



**ר' אורי ז"ל ביים יערליכן דינער לטובת די סאטמארער מוסדות אין בני ברק**

קאָפּיעס פון די אַלע בלעטער און קונטרסים מיט וואָס די קינדער קומען אַהיים, איז דאָס געווען אין יענע תקופה, ווען א קאָפּיע מאַשין איז געווען א יקר המציאות. עס זענען געווען געציילטע קאָפּיע-מאַשינען, און פאר יעדע קאָפּיע האָט מען געדאַרפט צאָלן טייערע געלט.

אָבער השי"ת האָט אים געהאָלפן. אין בני ברק האָט געוואוינט א חשוב'ע משפחה "פישהאף" א ליטווישע משפחה וואָס האָבן געהאַט אין שטוב א דעמאָלסדיגע סאָרט קאָפּיע מאַשין. די משפחה האָט געהאַט א שטאַרקע הערצה פאר הר"ר אורי ז"ל, און זיי פלעגן יעדע וואָך איבערנעמען פון הר"ר אורי די געשריבענע בלעטער, וואָס די מאַמע האָט דאָס אָפּגעדרוקט אויף א "סטענסיל" און שפּעטער פון דעם געמאַכט קאָפּיעס. אַנדערש ווי היינט וואָס מיטן דרוק פון עטליכע קנעפּלעך קומט אַרויס טויזנטער קאָפּיעס אויפאַמאָל, האָט מען דעמאָלט געדאַרפט שווער אַרבעטן. יעדע קאָפּיע האָט מען עקסטער געמאַכט און אַרויסגעגעבן, ביז ווען מען האָט גענוג קאָפּיעס וואָס מען האָט געדאַרפט.

די דערמאַנטע משפחה האָט זיך זייער געטריי אָפּגעגעבן דערמיט. הר"ר אורי האָט עפּעס געצאָלט דערפאַר, אָבער ווייט נישט וויפיל די אַרבעט איז ווערד געווען. זיי האָבן זיך גערעכנט מיט אַזאַ חשוב'ן פּערזענליכקייט ווי הר"ר אורי ז"ל, און האָבן גענומען פון אים זייער א ביליגן פּרייז. אַזוי האָט ער געקענט אָנגיין מיט דעם אונטערנעמונג מזכה צו זיין את הרבים אויף אַזאַ שיינעם פאַרנעם.

עס איז אינטערעסאַנט, אַז די דערמאַנטע משפחה פישהאף האָבן אַלס מער און מער געשעצט הר"ר אורי'ן, אַז שפּעטער האָט איינער פון די איידימער, א חשוב'ער חסידישער אינגערמאַן, געשיקט די קינדער ביי אונז אין די סאַטמאַרער תלמוד תורה. אַלע קינדער זענען אויסגעשטיגן חשוב'ע תלמידי חכמים ועובדי ה' וואָס פירן זיך אויפ'ן סאַטמאַרער דרך, אַלעס אַדאַנק די פעולות פון דעם טייערן איש המעש הר"ר אורי ז"ל.

## ברוך הבא בשם ה'

לפי הסדר איז נאָך דאָ צו פאַרציילן פון הר"ר אורי ז"ל נאָך א צאָל ענינים וואָס מיר וועלן לאָזן אויפ'ן קומענדיגן חודש אי"ה. אָבער זייענדיג אַצינד סוף חודש שבט איז כדאי דאָס צו דערמאַנען, אַז אויך אין די שפּעטערע יאָרן ווען הר"ר אורי ז"ל האָט זיך שוין אומגעקערט קיין ניו יאָרק וואו ער

האָט ווייטער עוסק געווען בעבודת הקודש אַלס מנה"ר בתלמוד תורה קרית יואל, האָבן מיר תושבי בני ברק געהאַט דעם כבוד אַז הר"ר אורי ז"ל איז כמעט יעדעס יאָר געקומען אַהער אויף א באַזוך טאַקע אין די וואָכן פון סוף חודש שבט, ווען ער פלעגט קומען צו פאָרן צום יאָרצייט-טאָג פון זיין חשוב'ע מוטער מרת מינדל ע"ה וואָס געפאַלט אויס ביום כ"ט שבט.

ביי אַסאַך תלמידים פון די שפּעטערע יאָרן ביי אונז אין די תלמוד תורה, ליגט נאָך זיכער אין זכרון, ווי פרשת משפטים איז געווען מוקדש, אַז דער גאַסט פון ניו יאָרק הרה"ג רבי אורי שוואַרטץ ז"ל פלעגט פאַרהערן די קינדער, און די קינדער האָבן שוין געוואוסט אַז צו א פאַרהער פון הר"ר אורי דאַרף מען זיין צוגעגרייט... משפטים איז דאָך נישט קיין לייכטע סדרה, אָבער וויסענדיג די שטאַרקע כוחות וואָס הר"ר אורי ז"ל האָט אַריינגעלייגט במשך די יאָרן וואָס ער האָט דאָ געדינט אַלס מנהל, צו הייבן דעם ניוואָ פון לימוד חומש רש"י, האָב איך אַלץ איינגעלאַדענט צו קומען פאַרהערן די קינדער אין חדר, וואו ער האָט געשעפּט נחת פון די ברייטע ידיעות פון די תלמידים וואָס האָבן ממשיך געווען בלימוד חומש רש"י אויף די יסודות וואָס ער האָט דאָס אַוועקגעשטעלט.

גלייכצייטיג האָט הר"ר אורי אַלץ אויסגענוצט די געלעגענהייט ווען ער האָט געוויילט דאָהי צוגאַסט, אויסצונוצן זיינע געבענטשטע טאַלאַנטן און ענערגישע כחות פאר די הצלחה פון די הייליגע מוסדות. במשך לאַנגע יאָרן איז דער טאָג פון כ"ט שבט, יומדה"ל פון מרן הגה"ק בעל קדושת יום טוב זי"ע, אויף דורכצופירן דעם יערליכן מגבית לטובת די הייליגע מוסדות.

אָנקומענדיג אַהער מיטן ציל מתפלל צו זיין אויף קברי אבות און זיך צו טרעפן מיט באַקאַנטע און בני משפחה, האָט ער אָבער מקדיש געווען אַסאַך אַסאַך פון זיין טייערע צייט, אויף אַרויסצוהעלפן פאר די הצלחה פונעם מגבית. אויף זיין איניציאַטיוו האָט דער מגבית געטראָגן אַזאַ הויכן סטאַנדאַרט, ווען ער האָט געהאַט דעם קוראַזש צו בעטן פון בעלי בתים און אינגעלייט אַז מען זאָל זיך נישט פטר'ן מיט קליין געלט. ער האָט מסדר געווען אַז מען זאָל אַרויפגיין און אויפאַרבעטן דעם ציבור אַז מען זאָל געבן גרעסערע סכומים, אָפּצוקויפן דעם זכות פון א "פרנס היום" פאר זעקס-זיבן הונדערט דאָלאַר. ער האָט אָרגאַניזירט פאַרשידענע פאַסיגע פלאַקאַטן און אויפשריפטן, רופענדיג דעם ציבור זיך אָנצושליסן מיט די שיינע סכומים, דייקא אין "דאָלאַרן" נישט אין שקלים, אַזוי אַז עס זאָל זיין באַדייטענדע סכומים פאר די הצלחה פון די מוסדות.

ער פלעגט אָפּטמאָל אויך אויפטרעטן ביים דינער מיט טייערע פערל-ווערטער, וואָס האָט אַלץ עושה רושם געווען אויפ'ן ציבור. עס ליגט נאָך אין די ביינער ווי מיט זיין טוב עין האָט ער אַלץ אינזינען געהאַט אַרויסצוברענגען די הנאה וואָס ער האָט געהאַט, ווען ער האָט פאַרהערט די קינדער בכלל, ובפרט ווי גוט מען לערנט חומש רש"י. טראָץ וואָס ער איז שוין נישט געשטאַנען בראש פון דעם לימוד, זייענדיג דאַן שוין פון די מרחקים, האָט ער אַלץ געדענקט אַריינצווואַרפן א גוט וואָרט פאר די כלי קודש וואָס ברענגן אַריין דעם לימוד צווישן די תלמידים מיט אַזאַ שטאַרקע הצלחה, זייענדיג זיי מחזק דאָס ווייטער אָנצוהאַלטן.

אַזוי איז ער געווען אן עושה ומעשה בגופו ונפשו, ווי מיר וועלן אי"ה ממשיך זיין צו דערציילן קומענדיגן חודש.

**פאָרזעצונג קומט אי"ה.**


צו געבן אייער 'הארציגע נדבה' פאר די מוסדות יטב לב אין ארה"ק
אדער מזכיר צו זיין סיי וועלכע בקשה וואס די תשב"ר אין ארה"ק זאלן מתפלל זיין, רופט:
1877.YETEV LEV (938.3853)
בקודש חזיתיך

# זיידעניו

## דֶערְצֵייל מִיר



**מֹשֶה'לֶע:** אַ גוּטְן אָוֶוענְט זֵיידִי.

**זֵיידֶע:** אָהּ אַ גוּטְן אָוֶוענְט מֹשֶה'לֶע, וָואס מַאכְסְטוּ עֶפֶּעס?

**מֹשֶה'לֶע:** בָּרוּךְ ה', אִיךְ בִּין דִיר נָאכְאַמָאל גֶעקוּמֶען בַּאזוּכְן, אוּן אִיךְ ווִיל וַוייטֶער הֶערְן דִי שֵׁיינֶע מַעֲשִׂיּוֹת וָואס דוּ הַאלְטְסְט מִיר אִינְמִיטְן דֶערְצֵיילְן.

בַּיי אוּנְזֶער פָארִיגְן שְׁמוּעֶס הָאסְטוּ מִיר דֶערְצֵיילְט פוּן דִי תְּקוּפָה אִין יָאר תשכ"ז וֶוען עֶס הָאט אוֹיסְגֶעבְּרָאכְן דִי זֶעקְס טָאגִיגֶע מִלְחָמָה צְוִוישְׁן דִי צִיּוֹנִים מִיט דִי אַרַאבֶער אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, לָאמִיר הֶערְן וַוייטֶער.

**זֵיידֶע:** אֵיינֶע פוּן דִי שְׁטַארְקֶע אוּן קְלָארֶע זַאכְן וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אָפְּן גֶעזָאגְט פַאר זַיינֶע מְקוּרָבִים אוּן שְׁטוּב מֶענְטְשְׁן בְּמֶשֶׁךְ דִי גַאנְצֶע צַייט, אַז אוֹיבּ וֶועט צוּשְׁטַאנְד קוּמֶען אַ מִלְחָמָה רַחֲמָנָא לִיצְלָן דַאן אִיז בְּדֶרֶךְ הַטֶּבַע זִיכֶער אַז דִי צִיּוֹנִים וֶועלְן מְנַצֵּחַ זַיין דִי מִלְחָמָה, לוֹיט זֵייעֶרֶע פָארְגֶעשְׁרִיטֶענֶע טֶעכְנִישֶׁע גֶעוֶוער, אוּן לוֹיט דִי צוּרִיק גֶעשְׁטַאנֶענְקֵייט פוּן דִי פְּרִימִיטִיוֶוע אַרַאבֶער.

דֶער רֶבִּי וֶועלְכֶער הָאט דָאךְ גֶעהַאט אַ שְׁטַארְק אוֹיסְגֶערֶעכְנְטְן מֵיינוּנְג אִין יֶעדְן פָּאלִיטִישְׁן הִינְזִיכְט הָאט דָאס קְלָאר בַּאשְׁלָאסְן, אוּן טְרָאץ דִי שְׁרֶעק וָואס דִי צִיּוֹנִים הָאבְּן אָנְגֶעזֵייעט אִיבֶּערַאל פוּן דִי מִלְחָמָה כְּדֵי צוּ שַׁאפְן אַ פַּאנִיק, אוּן נַאכְהֶער שְׁרַייעֶן אַז ס'אִיז גֶעשֶׁעהְן נִסִּים נִגְלִים, הָאט אָבֶּער דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט אַז דִי גַאנְצֶע

מְהוּמָה אִיז אַ בְּלוֹיזֶער אָנְשְׁטֶעל אוּן דִי צִיוֹנִים וֵוייסְן וואוּיל דֶעם פַּאקְט אַז זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קֵיין פְּרָאבְּלֶעם מִיט דִי אַרַאבֶּער.

הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט אִין אֵיינֶע פוּן דִי טֶעג וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז אַהֵיימְגֶעגַאנְגֶען פוּן בֵּית הַמִדְרָשׁ מִיט אֵיינֶעם פוּן זַיינֶע מְקוֹרָבִים אוּן מֶען הָאט גֶערֶעדְט אִיבֶּער דֶעם מַצָּב, הָאט דֶער רֶבִּי דַאן זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרִיקְט אַז עֶס אִיז בַּיי אִים שׁוּם סָפֵק אַז דִי צִיוֹנִים וֶועלְן גֶעוִוינֶען דִי מִלְחָמָה בְּדֶרֶךְ הַטֶבַע.

אִיז דָארְט גֶעשְׁטַאנֶען אַ צִיוֹנִי'סְטִישֶׁער שְׁרַייבֶּערְל וָואס הָאט נָאכְגֶעלָאקֶערְט דֶעם רֶבִּי'ן צוּ קֶענֶען אוֹיפְכַאפְּן עֶפֶּעס גוּטְס כְּדֵי צוּ קֶענֶען מַאכְן דֶערְפוּן מַטְעַמִּים אִין דִי צַייטוּנְגֶען, אוּן עֶר הָאט דֶעם אוֹיסְדְרוּק דֶערְהֶערְט.

דָאנֶערְשְׁטָאג נָשׂא אִיז דֶער צִיוֹנִי'סְטִישֶׁער צַייטוּנְג "יְדִיעוֹת אַחֲרוֹנוֹת" אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען מִיט שְׁרַייעֶנְדֶע קֶעפְּלֶעך " הָאַדְמוֹ"ר מִסְטַמֵר מִתְנַבֵּא עַל נִצָּחוֹן הַמְדִינָה", כְּאִילוּ דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט נְבִיאוּת אַז דִי צִיוֹנִים גֵייעֶן גֶעוִוינֶען דִי מִלְחָמָה. וִוי פַארְשְׁטֶענְדְלִיךְ הָאבְּן זֵיי אוֹיסְגֶעטַייטְשְׁט דֶעם רֶבִּי'נְס וֶוערְטֶער אַז עֶר הַאלְט אוֹיךְ אַז עֶס גֶעשֶׁעהט נִסִים פַאר דִי צִיוֹנִים, אוּן אַז דֶער רֶבִּי אִיז מוֹדֶה אַז דִי מִלְחָמָה וֶוערְט גֶעפִירְט דוּרְךְ אַ הִימְלִישֶׁע סִיַיעְתָּא דִשְׁמַיָא חַס מִלְהַזְכִּיר.

גְרוֹיסֶע גְרוּפֶּעס סָאלְדַאטְן וָואס הָאבְּן זִיךְ צוּרִיקְגֶעקֶערְט פוּנֶעם 'פְרָאנְט' הָאבְּן גֶעהַאלְטְן אִין זֵייעֶרֶע הֶענְט בִּילְדֶער פוּנֶעם רֶבִּי'ן וָואס הָאט גֶעהַאט אוֹיפְשְׁרִיפְטְן וִוי כְּאִילוּ דֶער רֶבִּי אִיז דֶער "נָבִיא" פוּן זֵייעֶר נִצָּחוֹן...

וֶוען דִי שְׁמוּעוֹת זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן הָאט דָאס אִים גָאר שְׁטַארְק וֵויי גֶעטוּהן, אוּן עֶר הָאט שְׁטַארְק מוֹרָא גֶעהַאט אַז דֶער עֶרְלִיכֶער צִיבּוּר אִידְן וֶועלְן גְלֵייבְּן דִי שְׁמוּעוֹת אוּן עֶס וֶועט זַיין אַ מוֹרָא'דִיגֶער חִילוּל ה', אוּן טְרָאצְדֶעם וָואס עֶר הָאט זִיךְ גֶעוָואלְט צוּרִיק הַאלְטְן פוּן צוּ רֶעדְן בִּיז וֶוען דִי גֶעמִיטֶער וֶועלְן זִיךְ אַבִּיסְל בַּארוּהִיגְן, הָאט עֶר אָבֶּער גֶעהַאלְטְן אַז עֶר טָאר שׁוֹין נִישְׁט שְׁוַוייגְן אוּן עֶר הָאט גֶעוָואלְט אַרוֹיסְגֵיין אוֹיף דִי גַאס אוּן אָנְהֵייבְּן צוּ מַרְעִישׁ עוֹלָמוֹת זַיין קֶעגְן דֶעם שֶׁקֶר.

וִוי עֶס דֶערְצֵיילְט הרה"ח ר' יוֹסֵף אַשְׁכְּנַזִי ז"ל אִין זַיין פָארְוָוארְט צוּם ספה"ק עַל הַגְאוּלָה וְעַל הַתְּמוּרָה, הָאבְּן דֶעם רֶבִּי'נְס מְקוֹרָבִים אִים פְּרוּבִּירְט אֵיינְצוּבֶּעטְן אַז עֶר זָאל אִין דֶעם יֶעצְטִיגְן מַצָּב גָארְנִישְׁט רֶעדְן, וַוייל לוֹיט דֶעם שְׁרֶעקְלִיכְן נִצָּחוֹן גֶעפִיל וָואס אַלֶע הָאבְּן גֶעשְׁפִּירְט אִיז דָאס אַרוֹיסְגֵיין קֶעגְן אַזַא שְׁטְרָאם גֶעוֶוען פַארְבִּינְדְן מִיט סַכָּנַת נְפָשׁוֹת מַמָשׁ.

וִוי מֶען הֶערְט אוֹיף אַ טֶעיפּ וָואס אִיז אוֹיפְגֶעכַאפְּט גֶעוָוארְן יֶענֶע וָואךְ בַּיי אַן אֲסִיפָה בַּיים רֶבִּי'ן אִין שְׁטוּבּ קָאכְט זִיךְ דֶער רֶבִּי זֵייעֶר אוּן עֶר אִיז מְסוּפָּק צוּ עֶר זָאל רֶעדְן בַּיי שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת אִיבֶּער דֶעם עִנְיָן, אַלֶע אַרוּמִיגֶע מְקוֹרָבִים הָאבְּן דֶעם רֶבִּי'ן גֶערָאטְן אַז שֵׁב וְאַל תַּעֲשֶׂה עָדִיף, אוּן צוּם מֶערְסְטְנְס זָאל דֶער רֶבִּי אַרוֹיסְגֶעבְּן אַ 'גִילוּי דַעַת' בִּכְתָב אַז דָאס וָואס מֶען פַארְקוֹיפְט אִין זַיין נָאמֶען אִיז שֶׁקֶר וְכָזָב, אָבֶּער עֶר זָאל נִישְׁט אַרוֹיסְגֵיין אִין אַ עֶפְנְטְלִיכֶער מִלְחָמָה וָואס אִיז אַזוֹי מְסוּכָּן.

דֶערְצֵיילְט ר' יוֹסֵף אַשְׁכְּנַזִי ז"ל, יֶענֶעם פְרַייטָאג הָאבְּן גֶערוּפְן צוּם רֶבִּי'נְס שְׁטוּבּ עֶטְלִיכֶע פוּן דִי אַגוּדִ'יסְטִישֶׁע רַבָּנִים וָואס הָאבְּן מוֹצָאֵי שַׁבָּת גֶעוָואלְט אַרוֹיסְפָארְן קֵיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל צוּ שַׁאפְן אַ הִתְעוֹרְרוּת בַּיי כְּלַל יִשְׂרָאֵל צוּלִיבּ דִי 'נִסִים' אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעוָואלְט גֶעזֶעגֶענֶען בַּיים רֶבִּי'ן, דֶער רֶבִּי הָאט זֵיי נִישְׁט גֶעוָואלְט מַתְחִילָה אוֹיפְנֶעמֶען, אָבֶּער נָאךְ לֶענְגֶערֶע הַפְצָרוֹת אִיז עֶר אַיינְגֶעגַאנְגֶען אַז זֵיי זָאלְן קוּמֶען.

שְׁפֶּעט נָאכְמִיטָאג זֶענֶען זֵיי אָנְגֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעזָאגְט פַארְן רֶבִּי'ן זֵייעֶר פַארְלַאנְג

אַז זֵיי פָּארְן מוֹצָאֵי שַׁבָּת אַרוֹיס קֵיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל צוּ מְעוֹרֵר זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּ תְּשׁוּבָה, אוּן זֵיי ווילְן וִויסְן וָואס דֶער רֶבִּי הָאט יֶעצְט אִיבֶּערְצוּגֶעבְּן פַאר כְּלַל יִשְׂרָאֵל, דֶער רֶבִּי הָאט זֵיי גֶעעֶנְטְפֶערְט קוּרְץ אוּן שַׁארְף "צוּם כְּלַל יִשְׂרָאֵל הָאבּ אִיךְ אַסַאךְ צוּ רֶעדְן, אָבֶּער מִיט עֶנְק הָאבּ אִיךְ נִישְׁט וָואס צוּ רֶעדְן" אוּן דֶער רֶבִּי הָאט זֵיי אָפְּגֶעזֶעגֶענְט.

**משה'לע:** נוּ, וָואס הָאט טַאקֶע דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶערֶעדְט צוּ כְּלַל יִשְׂרָאֵל?

**זיידע:** יֶענֶעם שַׁבָּת צוּ שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת הָאט דֶער רֶבִּי "גֶערֶעדְט צוּם כְּלַל יִשְׂרָאֵל" זָאגֶענְדִיג דִי בַּאקַאנְטֶע "נָשֹׂא תּוֹרָה", וָואס דָאס הָאט אוֹיפְגֶעשָׁאקְלְט אַ וֶועלְט...

דֶער רֶבִּי הָאט קְלָאר אוּן דַייטְלִיךְ מְגַלֶה גֶעוֶוען דֶעם דַעַת תּוֹרָה מְיוּסָד אוֹיף דִבְרֵי חֲכָמֵינוּ ז"ל רִאשׁוֹנִים וְאַחֲרוֹנִים וְדִבְרֵי רַבּוֹתֵינוּ הַק' מוֹסְדֵי דוֹר וָדוֹר, אַז צוּ זָאגְן אַז הַשֵּׁי"ת זָאל מַאכְן נִסִים דוּרְךְ מִינִים וְאַפִּיקוֹרְסִים דָאס אִיז מִינוּת וּכְפִירָה, אוּן קֵיין עֶרְלִיכֶער אִיד טָאר נִיטְאַמָאל הָאבְּן אַזַא מַחְשָׁבָה, נָאר צוּמָאל הָאט לַיידֶער דִי סִטְרָא אַחְרָא אַ כֹּחַ צוּ מַאכְן נִסִים פַּאר דִי רְשָׁעִים.

אָבֶּער אִין דֶעם פַאל אִיז נִיטְאַמָאל דָאס גֶעוֶוען, דָאס אִיז אַ בְּלוֹיזֶע הַצְלָחָה וָואס דִי צִיוֹנִים הָאבְּן בְּדֶרֶךְ הַטֶבַע מְנַצֵחַ גֶעוֶוען, אוּן אַ אֲחִיזַת עֵינַיִים פוּן דִי כּוֹחוֹת הַטוּמְאָה וָואס ווילְן אַרַיינְשְׁלֶעפְּן דֶעם כְּלַל יִשְׂרָאֵל אִין דִי נִסְיוֹנוֹת צוּ פַארְשְׁלֶעפְּט וֶוערְן נָאךְ דִי רְשָׁעִים.

נִישְׁט גֵיין צוּם כּוֹתֶל הַמַעֲרָבִי

דֶער רֶבִּי הָאט דַאן מְגַלֶה גֶעוֶוען דַעַת קָדְשׁוֹ אַז מֶען זָאל נִישְׁט גֵיין צוּם כּוֹתֶל הַמַעֲרָבִי אוּן צוּ דִי אַנְדֶערֶע מְקוֹמוֹת וָואס זֶענֶען אִין יֶענֶע צַייט אַיינְגֶענוּמֶען גֶעוָוארְן דוּרְךְ דִי צִיוֹנִים, וַוייל דָאס גִיט פַּאר זֵיי חִיזוּק אוּן בְּרֶענְגְט צִי צוּ הִתְקַרְבוּת לָרְשָׁעִים.

דִי וֶוערְטֶער פוּן רֶבִּי'ן זֶענֶען גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן מִיט דְבָרִים הַיּוֹצְאִים מִלֵב טָהוֹר מִיט בְּכִיּוֹת אוּן גְרוֹיס צוּבְּרָאכְנְקַייט פַארְן חִילוּל כְּבוֹד שָׁמַיִם וְעֶלְבּוֹן הַתּוֹרָה הַק' ווִי אִידְן וֶוערְן פַארְנַארְ'ט מְחַזֵק צוּ זַיין דֶעם כֹּחַ הַכְּפִירָה וְהַמִינוּת אִין דִי מוֹחוֹת פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

אַזוֹי הָאט נָאכְגֶעפָאלְגְט דִי קוּמֶענְדִיגֶע וָואכְן פוּן פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, שְׁלַח, קֹרַח, ווָאוּ דֶער רֶבִּי הָאט בְּקוֹל חוֹצֵב לַהֲבוֹת אֵשׁ גֶעעֶפֶענְט דִי אוֹיגְן פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אוּן אוֹיפְגֶעוִויזְן ווִי אַזוֹי אַ אִיד דַארְף צוּ שְׁטֵיין קֶעגְן דִי פִּגְעֵי הַזְמַן אוּן נִישְׁט זִיךְ לָאזְן וֶוערְן נָאכְגֶעשְׁלֶעפְּט נָאךְ דִי נִסְיוֹנוֹת הָעֲצוּמוֹת.

אָט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרוֹת דָאס הָאט גֶעעֶפֶענְט דִי אוֹיגְן פוּן עֶרְלִיכֶע אִידְן אִיבֶּער דִי וֶועלְט אוּן מֶען הָאט זִיךְ אַרוּמְגֶעזֶעהְן ווִי וַוייט מֶען אִיז פַארְשְׁלֶעפְּט גֶעוָוארְן דוּרְךְ דִי צִיוֹנִי'סְטִישֶׁע פְּרָאפֶּעגַאנְדֶע מַאשִׁין, אוּן דֶער שְׁאֵרִית הַפְּלֵיטָה הָאט זִיךְ גָאר שְׁנֶעל אָפְּגֶעשָׁאקֶעלְט פוּן דֶעם כְּפִירָה אַפַּארַאט וָואס דִי צִיוֹנִים הָאבְּן דֶערִין גֶעוָואלְט אַרַיינְשְׁלֶעפְּן דֶעם גַאנְצְן יַהֲדוּת הַחֲרֵדִית.

יֶענֶע וָואךְ פַּרְשַׁת נָשֹׂא וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעעֶנְדִיגְט פִירְן שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת אוּן עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּ זַיין פְּלַאץ דַאוֶוענֶען מַעֲרִיב, זֶענֶען דִי בַּחוּרִים גֶעשְׁטַאנֶען בַּיי דִי זַייטְן, הָאט דֶער רֶבִּי בַּאמֶערְקְט צְוִוישְׁן זֵיי מו"ה אַבְרָהָם שְׁוַוארְץ הי"ו פוּן לָאנְדָאן, הָאט עֶר אִים אַ זָאג גֶעגֶעבְּן "הָאסְט גֶעהֶערְט וָואס כ'הָאבּ גֶעזָאגְט?! זָאלְסְט ווִיסְן וָואס צוּ שְׁרַייבְּן דַיין טַאטְן (הרה"ח ר' לִיפָּא ע"ה מְנַהֵל מוֹסְדוֹתֵינוּ הק' אִין יְרוּשָׁלַיִם) אַז מְ'זָאל נִישְׁט זַיין פַארְנַערְ'ט דָארְט"...



# בדרך

## הוה עובדא

### אויפ'ן וועג פון אונגאַרן קיין וויען, קיין לאָנדאָן און קיין ניו יאָרק

לכבוד מערכת "בקודש חזיתיך".

"עליכם השלום" פאר די אַלע אידן אין ניו יאָרק מיט וועמען איך טרעף מיך ב"ה צוריק בעתו ובזמנו, נאָכ'ן זיך אַריבערכאַפּן אויף א קורצע נסיעה קיין אונגאַרן, ספּעציעל כדי פּוקד צו זיין דעם ציון המצוינת פון אונזער גרויסער זיידן דער נאַנאַשער רב הגה"ק בעל אפסי ארץ זי"ע, וואָס פאַרלאָפענעם דינסטאָג וישלח, ט"ו כסלו איז אויסגעפאַלן די 125'סטע הילולא קדישא.

ב"ה ס'איז געווען זייער א פיינע רייזע, פון וואָס איך וועל אויסלאָזן רוב פּרטים וואָס האָבן נישט דייקא קיין שייכות צום דאָזיגן בריוו, אָבער אַזויפיל בין איך און אַלע מיטרייזענדע זיכער, אַז א טייל פון די הצלחה איז צום פאַרדאַנקן דאָס מ'האָמיר געהאַט אויפ'ן וועג א "יטב לב פושקע" אין וואָס מען האָט כסדר אַריינגעלייגט צדקה לטובת צדקת רבי מאיר בעל הנס, און מען האָט ב"ה געזען א שטאַרקע הצלחה אויף אַלע פּרטים פון די נסיעה.

מיטוואָך אינדערפרי האָבן טייל רייזענדע שוין געפלאַנט אַהיימצוקומען, בעת אַנדערע האָבן נאָך פאָרגעזעצט דעם וועג צו נאָך עטליכע מקומות הקדושים. מ'זעמיר דעריבער געווען אויפ'ן וועג קיין בודאַפּעסט, וואו מ'האָמיר געזאָלט אַריינפאָרן אין די שטאָט אויף תפלת שחרית, און פון דאָרט פארן גלייך צום לופטפעלד צו קענען כאַפּן דעם פליגער אויף צוריק. אָבער אָנקומענדיג נאָנט קיין בודאַפּעסט האָמיר געזען אַז די צייט איז פאָראויס-גערוקט, און מ'האָט אויך געדאַרפט נעמען אין חשבון דעם אָנגעלייגטן אינדערפרי טראַפיק, וואָס דעריבער זענען די רייזענדע וואָס זענען שוין אַהיימגעפאָרן, גלייך צוגעפאָרן צום לופטפעלד, וואו מען האָט דאָרט געדאַווענט שחרית.

נאָכ'ן דאַווענען שחרית איז נאָך אַלץ געווען היבש פריער ווי די געוועגליכע צייט ווען מען דאַרף זיין אין לופטפעלד, ובפרט ווען א חסיד'ישער איד קומט געוועגליך אן אין לופטפעלד... אָבער מ'האָט שוין געקענט מסדר זיין די טיקעטס. האָמיר זיך געשטעלט אין די רייע בלויז אויף צו קענען געוואויר ווערן, אַז דער פליגער מיט וואָס מיר האָבן געזאָלט פאָרן, איז געקענסעלט... לויט'ן פּלאַן האָמיר פון בודאַפּעסט געפארן פאָרן קיין פראַנקפורט דאָרט צו כאַפּן דעם פליגער, אָבער דער פליגער איז אָפּגערופן געוואָרן, און מיר האָבן זיך געטראָפן אין א גרויסן לופטפעלד, כמעט אָן קיין וועג אַרויס...

די לופטליניע-געזעלשאַפט האָט אונז צוגעשטעלט פאַרשידענע אָפּציעס, אָדער צו פאָרן דורך טערקיי וואו מיר וועלן זיך דאַרפן אָפּשטעלן אויף אַפּאָר שעה, א זאַך וואס וואָלט באַדייט זיך אויפצוהאַלטן דאָרט אַפּאָר שעה, א זאַך וואָס מיר האָבן געוויס פּרובירט אויסצומיידן.

ענדליך האָט מען אונז געגעבן אן אָפּציע אָנצוקומען אַהיים דורך צוויי קאַנעקטינג-פלייטס. דאָס הייסט, גיין קיין וויען, פון דאָרט קיין לאָנדאָן און פון דאָרט צוריק אַהיים. דאָס האָט אויסגעקוקט די בעסטע אָפּציע, הגם עס איז געווען היבש ריזיקאַליש, נאָכדעם וואָס בלויז א האַלבע שעה שפּעטער נאָכדעם וואָס דער פליגער האָט געזאָלט לאַנדן אין וויען, האָט דער פליגער קיין לאָנדאָן זיך שוין געדאַרפט הייבן, וואָס דאָס – כמובן – גאָר גאָר א קורצע צייט, אין פליגער-צייט איז דאָס ממש נישט קיין צייט, צו לאַנדן, דורכלויפן א גרויסן לופטפעלד, זיגלען פּאַספּאָרטן און נאָך, אַרויפקומען אויפ'ן קומענדיגן פליגער, וואָס א האַלבע שעה צייט איז ווייט נישט גענוג פאר דעם, אָבער דאך איז דאָס אונז געווען די בעסטע אָפּציע, נאָכדעם וואָס די פלי-געזעלשאַפט האָט אונז פאַרשפּראָכן אַז דער פליגער פון וויען קיין לאָנדאָן וועט וואַרטן אויף אונז.

הגם פון ערפאַרונג האָמיר שוין געוואוסט אויף וויפיל מען קען זיך פאַרלאָזן אויף זייערע הבטחות... נאָכדעם וואָס שוין ביי א פריערדיגע געלעגנהייט ווען מיר זענען געווען אויף א זעלבע נסיעה, איז געווען אַזאַ פאַל אַז מיר האָבן געהאַט זייער א קורצע צייט צווישן איין פליגער און די אַנדערע. דאַן האָבן מיר געשעפּטיגט מיט עטליכע מינוט, און מיר האָבן לכבוד דעם פאַרלענגערט אונזער נסיעה מיט א גאַנצע נאַכט, ווען מיר האָבן געדאַרפט איבערשלאָפן אין שווייץ, נאָכדעם וואָס מיר האָבן דאָרט פאַרפאַסט אונזער קאַנעקטינג-פלייט, און מיר האָבן ערשט געקענט פאָרזעצן דעם וועג צומאָרגענס. אָבער בלית ברירה האָמיר אָנגענומען די אָפּציע.

עקסטער האָמיר געקלערט אַז עס וועט זיין א שטיקל בענעפיט, נאָכדעם וואָס טייל מיטרייזענדע האָבן דאַן געהאַט א שמחה אין וויען, אַזוי אַז אין פאַל עס מאַכט זיך סיי וועלכע שפּעטיגונג און מען פאַרפאַסט דעם קומענדיגן פליגער, אַז מען דאָך צווישן אידן, און נאָך אויף א פּלאַץ וואו מען קען מיטהאַלטן די שמחה.


צו געבן אייער 'הארציגע נדבה'
פאר די מוסדות יטב לב אין ארה"ק
אדער מזכיר צו זיין סיי וועלכע בקשה וואס די תשב"ר אין ארה"ק זאלן מתפלל זיין, רופט:
1877.YETEV LEV (938.3853)





האָמיר אָנגענומען דעם פאָרשלאַג.

דאך איז די צייט געווען זייער אָנגעצויגן און מיר האָבן פאָרט נישט געוואָלט בלייבן אונטערשטעלונג ביי איינס פון די סטאַנציעס. האָמיר ווייטער אוחז געווען במעשה אבותינו בידינו, און דער גבאי צדקה פון די רייזע איז אַרום מיטן זעקל פון יטב לב, אין וועלכן יעדער האָט אַריינגעלייגט צדקה מיט א בקשה אויף די ליפּן "אלקא דמאיר עננו" און דערביי מתפּלל געווען א טאָפּלטע תפלה, סיי אַז מיר זאָלן אָנקומען באַצייטנס און כאַפּןביידע פליגערס, און עקסטער האָמיר מתפלל געווען אַז יעדער זאָל באַקומען א תורה'דיג-באַקוועמע זיץ... אַז יעדער זאָל באַקומען א זיץ נעבן א מאַנס-פּערזאָן און קענען האָבן א רואיגע באַקוועמע רייזע.

הגם דאָס איז א זאַך אויף וואָס מען דאַרף אַלץ מתפּלל זיין, אָבער אַצינד האָט עס געהאַט א טיפערן באַדייט, נאָכדעם ווי מ'האָט דאָך אונז נאָר ווי "אַרויפגעשטופּט" אויף די צוויי פליגערס... דאָס הייסט אַז די פליגערס זענען שוין פריער געווען געבוקט, און אַצינד זענען צוגעקומען נאָך אַסאַך פּאַסאַזשירן וואָס זענען אַראָפּגעבליבן פון די פליגערס מיט וואָס מיר האָבן געזאָלט פאָרן, האָבן מיר פאַרשטאַנען אַז ביידע פליגערס וועלן זיין פול געפּאַקט, וואָס פאַרמינערט די שאַנסן צו טרעפן א ליידיגן זיץ אָדער זיך צו קענען טוישן, און מיר האָבן עקסטער געגעבן צדקה פאר מוסדות יטב לב, מתפּלל צו זיין אַז יעדער פון אונזער קבוצה זאל האָבן א באַקוועמע רייזע, צו באַקומען א זיץ נאָר נעבן א מאַנס-פּערזאָן.

מה' מצעדי גבר כוננו האָט השי"ת געהאָלפן אַז ביידע בקשות זענען אָנגענומען. שוין אויפ'ן קורצן וועג פון בודאַפּעסט קיין וויען מיט א קליינעם פליגער, האָט זיך אַרויסגעשטעלט אַז רוב רובם פון אונזער גרופּע איז געזעסן צוזאַמען און מען איז געפאָרן באַקוועם.

אָנקומענדיג קיין וויען האָמיר געזען די השגחה פּרטית וואָס באַגלייט אונז אויף טריט און שריט, ווען מיר האָבן געזען ווי די פלי-געזעלשאַפט איז ממש אַרויס פון וועג ביי עטליכע פּונקטן, כדי אַז אונז זאָל מיר קענען כאַפּן דעם קומענדיגן פליגער. גלייך אָנקומענדיג האָט אונז שוין אָפּגעוואַרט דאָרט נעבן דעם פליגער, אַ פּריוואַטע אויטאָ, צוגעשטעלט בלויז פאר אונזער גרופּע, אַז אַנשטאָט צוצופאָרן צום טערמינאַל מיט א באָס, ווי געווענליך אין יענע לופטפעלדער, האָט מען אונז געפירט מיט אַן אויטאָ צו אַן אַנדערן אַריינגאַנג, דאָרט האָט איינער שנעל איבערגעקוקט אונזערע טיקעטס, ער האָט אונז צוגעפירט צו א נאָנטן ווינקל אין לופטעפד וואו מען האָט געזיגלט אונזערע פּאַספּאָרטן, גלייך האָט די זעלבע אויטאָ אונז געפירט ווייטער ביז צום פליגער וואָס מיר האָבן געזאָלט כאַפּן קיין לאָנדאָן.

די גאַנצע זאַך איז געווען א פּלא עצום. זינט ווען קימערט זיך א פלי-געזעלשאַפט פאר אַפּאָר אידעלעך אַז זיי זאָלן כאַפּן א קומענדיגן פליגער. דאָ זענען זיי ממש אַרויס פון וועג און אונז באַגלייט מיט קעניגליכע סערוויס, ווי עס פּאַסט זיך פאר... יאָ, פאר אידן וואָס שטיצן מוסדות יטב לב, און זענען מתפּלל "אלקא דמאיר עננו"...

אַזוי זעמיר באַצייטנס אָנגעקומען קיין לאָנדאָן. דאָרט האָמיר געהאַט אן אַנגענעמע איבערראַשונג, אַז א לאָקאַלער משפּחה-מיטגליד וואָס האָט געוואוסט פון אונזער רייזע, האָט אונז שוין דאָרט אָפּגעוואַרט מיט נאַרהאַפטיגע מאכלים, א זאַך וואָס מיר וואָלטן נישט געקענט באַקומען אויפ'ן פליגער קיין כשר'ע מאכלים צוליב וואָס אונזערע טיקעטס זענען אַזוי שפּעט באַשטעלט געוואָרן, און מיר האָבן זיך מחי' געווען אויפ'ן וועג.

אַרויפקומענדיג אויפ'ן פליגער איז אונז געווען אן איבערראַשונג מיטצוהאַלטן, ווי יעדער האָט באַקומען גאָר א באַקוועמע זיץ, אַלעס נעבן היימישע רייזענדע, ממש ווי מיר האָבן געהאַט מתפּלל געווען ביי די יטב לב פּושקע. איינער פון אונזער גרופּע איז יאָ געוואָרן פּלאַצירט אויף נישט קיין באַקוועמען אופן... האָבן מיר נאָכאַמאָל עקסטער געגעבן געלט, און מתפּלל געווען אַז דער פּלאַץ דערנעבן זאל בלייבן ליידיג. הגם עס האָט אויסגעזען זייער אומרעאליסטיש צו האָפן אויף דעם, נאָכדעם וואָס – ווי דערמאַנט – איז עס געווען א גאָר געפּאַקטער פליגער, אָבער היפלא מה' דבר, ובפרט נאָך אַז מען איז באַגלייט מיט די הייליגע צדקה פון צדקת רבי מאיר בעל הנס. וכך הוה, פּונקט יענע פּאַסאַזשיר איז נישט אָנגעקומען, און יעדער פון אונזער גרופּע האָט ב"ה געהאַט א פיינע באַקוועמען תורה'דיגע רייזע.

בחסדי שמים מרובים זענען מיר געפארן און אָנגעקומען בשלום, נאָך אין די זעלבע צייט ווי מיר האָבן אָרגינעל געזאָלט אָנקומען צוריק אַהיים, ווען מיר זענען געווען באַגלייט מיט די הייליגע סגולה פון אלקא דמאיר עננו, דורכ'ן שטיצן די סגולה-געווייקטע פּושקע פון מוסדות יטב לב.

זאל השי"ת העלפן אַז מיר זאָלן אַלעמאָל פאָרן אין גוטן ריכטונג, און האָבן דעם שכל זיך צו האַלטן נאָנט צו די יטב לב פּושקע, ווייל ווען האָט די יטב לב פּושקע מיט זיך, פאָרט מען געווענליך זייער גוט...

בכל הכבוד, י. ש. קרית יואל



בקודש חזיתיך

צו געבן אייער 'הארציגע נדבה'
פאר די מוסדות יטב לב אין ארה"ק

אדער מזכיר צו זיין סיי וועלכע בקשה וואס די תשב"ר אין ארה"ק זאלן מתפלל זיין, רופט:
1877.YETEV LEV (938.3853)

עוֹד אֶבְנֵךְ וְנִבְנֵית בְּתוּלַת יִשְׂרָאֵל!

מיט שמחה נעמען אנשי שלומינו
אויף די בשורה מרנינה, אז עס איז
נארוואס אריין אין שוואונג די סאמע

# לעצטע פאזעס.

צו פולקאם
פארענדיגן דעם

## בנין האדיר בית חינוך לבנות- סאטמאר בני ברק.

אין די טעג גייט אן די העפטיגע
ארבעט אן אפשטעל
בסיעתא דשמיא, מיט'ן ציל צו
גענצליך ענדיגן דעם בנין אין
געציילטע חדשים בעז"ה.

- קרוב צו -
1000
תלמידות

אין אונזער בית חינוך אין ב"ב,
ווארטן שוין ענדליך צו קומען
אל המנוחה ואל הנחלה,
ארומגענומען מיט הרחבת
הדעת אין דעם ריזן בנין.

אָז אֶגְמוֹר בְּשִׁיר מִזְמוֹר חֲנֻכַּת הַבַּיִת

**אין די יעצטיגע טעג ווערן געמאכט די ערשטע פלענער פאר דעם געהויבענעם**

# מסע התלכות
## - חנוכת הבית -

**ע"י כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א**

**ווען די צייט וועט ערלויבען, צו פייערן דעם לאנג-ערווארטעטן באנייאונג פונעם בנין הגדול!**

# הִנֵּה יָמִים בָּאִים!



עת לגמור"ך
מלכות סאטמאר באה"ק
לבנות ולבנן
בנין האדיר החדש • בית חינוך לבנות

אין די טעג גייען ארום די ראשי עסקני קרן הבנין אין שפיץ פון הר"ר **יואל בראוווער** הי"ו אפצונעמען די לעצטע נתינות פון די גדולי פטרוני ומקימי הבנין שיחי', וועלכע שפירן אלע א זכי' צו קענען אפגעבן דעם לעצטן חלק אין דעם זכות האדיר אין דעם בנין הגדול!

ירושלים

# וראה בטוב





א הערליכע מסיבת חלוקת פרסים 'קרן יחזקאל שרגא' איז פארגעקומען אינערהאלב ישיבת המתמידים אין תלמוד תורה אין ירושלים לרגל די יארצייט
פון הגה"ח ר' יחזקאל בראך ז"ל מנהל מוסדותינו בירושלים עיה"ק




דער מנהל המוסדות פון ירושלים הרה"ח ר' ישכר יאקאב הי"ו באדאנקט זיך פאר די חשוב'ע נדבנים הרה"ח ר' שמואל חיים בראך הי"ו ובנו הרה"ח ר' אברהם בראך הי"ו מראשי קהילתינו הק' וויליאמסבורג יצ"ו




הרה"ג ר' שמעון יואל בראך שליט"א טרעט אויף בשם משפחת בראך הנכבדה



נואם הכבוד פה מפיק מרגליות הרה"ג ר' ישראל מאיר שושן שליט"א



הגה"צ דומ"ץ קהלתינו שליט"א האט אויפגעטרעטן און דערנאך געטיילט די תעודות פאר די חתני התורה

# באריכטן-און-בילדער מהנעשה ונשמע אין די הייליגע מוסדות





הרה"ג ר' מאיר וויינבערגער שליט"א מו"ץ דקהילתינו אנטווערפען יצ"ו טרעט אויף פאר די בחורים מיט א שיעור בעניני השקפה הברורה במשנת רבינו הק' זי"ע









אין קינדערגארטן לערנט מען די פרשה פון קרבן פסח וויאזוי די אידן האבן צוגעבינדן א לעמעלע צום בעט

בני ברק

# וראה בטוב



געהויבענער מסיבת כבוד התורה וחלוקת פרסים אין בני ברק פאר די תלמידים וועלכע האבן זיך פארהערט הונדערטער בלעטער גמרא בעל פה



הרה״ג ר׳ יושע צבי יאזשף שליט״א מו״ץ טרעט אויף לכ׳ דודו דער חשוב׳ער נדבן פון דעם קרן הפרסים שרגא ליחזקאל לע״נ הרה״ח ר׳ יחזקאל שרגא בראך ז״ל






דרשה דורכ׳ן באקאנטן פה מפיק מרגליות הרה״ג ר׳ שלמה מיללער שליט״א




דער מנהל הרה״ג ר׳ אלעזר יונה שטיינמעץ שליט״א טרעט אויף פאר די קינדער



דער מנהל שליט״Tביים פארטיילן די פרסים פאר די קינדער המצטיינים

בני ברק

# באריכטן-און-בילדער מהנעשה ונשמע אין די הייליגע מוסדות




"אסיפת חינוך" פאררופן דורך הנהלת מוסדותינו הק' פון בני ברק פאר די הורי תלמידי המוסדות, ווי עס איז געהערט געווארן א באלערנדע דרשת התחזקות אין עניני חינוך דורכ'ן אורח החשוב פה מפיק מרגליות און ידען נפלא הרה"ג רבי שלמה שבתי קעסטנבוים שליט"א




שמחת שבע ברכות דורך הנהלת הישיבה גדולה פאר הרה"ג ר' שניאור זלמן ווייס שליט"א ר"מ בישיבה לרגל נישואי בתו




האדמו"ר מאנטיניע איז משמיע א דרשת חינוך פאר די מלמדים אין בני ברק ביי א ספעציעלע מסיבת שמחת שבע ברכות פאר די מלמדים צוגעשטעלט דורך הנהלת המוסדות לכבודו פון הרה"ג ר' צבי יודא ווייס שליט"א חבר הנהלת המוסדות ומרביץ תורה במוסדותינו הק' לרגל נישואי בנו



# די משפחה קאסע

פון: תלמידי וחסידי סאטמאר

## א ברודער פאר א ברודער


SPONSORED BY:

AMENIGIES – AN AMENITY MANAGEMENT COMPANY | Aroof – roofing, siding, stucco | A & F TRADING | KJ Poultry | HDA CARE – Licensed Home Care Agency | UNIVERSAL PLANNING & INSURANCE | Comfort HEALTH | eastern union FUNDING | AMBEX



Yetev Lev
Eretz Yisrueli Inc
POB 2123
Monroe, NY 10949



Non Profit Org.
U.S. Postage
PAID
Mail Way